STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04413

YUDISHE FOLKSLIEDER

Y. L. Cahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע פאלקסליעדער

Yiddish Folksongs

with their original airs

collected from oral tradition

by

J. L. Cahan

VOL. II

New York
YIDDISH LITERARY PUBLISHING CO., Inc.
1920

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק

יודישע פאָלקסליעדער

מיט מעלאָדיען

אויס דעם פאָלקס-מויל געזאמעלט

— פון —

י. ל. כהן

צווייטער באנד

ארויסגעגעבען פון
ליטעראַרישער פערלאג
ניו־יארק.
1920

COPYRIGHT, 1912
BY
THE INTERNATIONAL LIBRARY PUBLISHING CO.

אינהאַלט פון צווייטען באַנד

פערשיעדענע ליעדער

I חתן־כלה און חתונה ליעדער .... 6— 57
II ליעדער פון פאַמיליען־לעבען .... 58— 95
III וויעגען־ליעדער .... 96—104
IV קינדער־ליעדער:
1) פון דער קינדער שטוב ...... 109—119
2) שפיעל־ליעדער אין אַבצעהל
פערזען .... 120—130
3) שפּאַס און שפּאַט ליעדער .... 132—144
4) ליעדער פון חדר .... 146—162
V רעטעניש־ליעדער .... 164—175
VI סאָלדאַטען־ליעדער .... 176—102
VII אַרבייטער־ליעדער .... 204—212
VIII פורים־ליעדער .... 214—231
IX רעליגיעזע ליעדער .... 232—246
X ליעדער פון פערשיעדענעם אינהאַלט .... 248—276
אַלפאַבעטישער אינהאַלט פערצייכניס .... 278—290
וואַריאַנטען ביי גינזבורג און מאַרעק .... 292—293

736183

פערשיעדענע ליעדער

(4—II

I.
חתן־כלה און חתונה־ליעדער

1.

פאהרען מחותנים
איבער אלע גאסען,
פרעגען ביי רב לייזער'ן
א טאכטער צו פער'קנס'ען.
זאָגט דער טאטע: „יע!“
זאָגט די מאמע: „ניין,
מיין טאָכטער האסעלע
איז צו דער חופה קליין!“

(ווילנער גוב.)

1 Fohren mechutonim.

פאהרען מחותנים



2.

יאַמע, יאַמע*), שפּיעל נאַר א ליעדעלע,
וואַ־ דאַס מיידעלע וויל?
„דאַס מיידעלע וויל א פּאַאַר שיכעלעך האָבען,
מוז מען געהן דעם שוסטער זאָגען!“
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניש׳ פארשטעהן,
דו ווייסט ניש׳ וואס יאך מיין!“

יאַמע, יאַמע, שפּיעל נאַר א ליעדעלע,
וואס דאַס מיידעלע וויל?
„דאַס מיידעלע וויל א היטעלע האָבען,
מוז מען געהן צו די פוצערקע זאָגען!“
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניש׳ פארשטעהן,
דו ווייסט ניש׳ וואס יאך מיין!“

יאַמע, יאַמע, שפּיעל נאַר א ליעדעלע,
וואַס דאַס מיידעלע וויל?
„דאַס מיידעלע וויל א פּאַאַר אוירינגלעך האָבען,
מוז מען געהן דעם גאלדשמיעד זאָגען!“
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניש׳ פארשטעהן,
דו ווייסט ניש׳ וואס יאך מיין!“

---

*) בנימין.

2 Yome, Yome, spiel nor a liedele.

יאָמע, יאָמע, שפּיעל נאר א ליעדעלע

Allegro.



יאַמע, יאַמע, שפּיעל נאָר א ליעדעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל?
„דאָס מיידעלע וויל א חתן׳דעל האָבען,
מוז מען געהן דעם שדכן זאָגען!“
— „יאָ, מאַמעשי, יאָ!
דו קענסט מיך שוין פארשטעהן,
דו ווייסט שוין וואָס יאָך מיין!“

(ווארשא)

3.

שרה'לע איז א שעהנער נאָמען,
קליידעלעך קויפט מען אין אלע קראָמען,
א שדוך וועט מען טון פון גרויסע רבנים,
לעבען זאָל שרה'לעס ציקער־פנים!

(ווארשא)

4.

טאנץ, רחל'ע, טאנץ!
פלעכט איך דיר א קראנץ.
פינקעלט דאָרט דער מאָרגענשטערן,
רחל'ע וועט א כלה ווערען!

(ווארשא)

5.

— וואָס־זשע ווילסטו, וואס־זשע ווילסטו,
א שניידער פאר א מאן?
— „א שניידער פאר א מאן, וויל איך ניט,
א שניידער׳ס טאָכטער בין איך ניט!
זיץ איך אויפען שטיין
שטילערהייד און וויין:
אלע מיידעלעך האָבען חתונה,
נאָר איך בלייב אליין!״

— וואָס־זשע ווילסטו, וואס־זשע ווילסטו,
א שוסטער פאר א מאן?
— „א שוסטער פאר א מאן וויל איך ניט!
א שוסטער׳ס טאָכטער בין איך ניט!
זיץ איך אויפען שטיין, א. ז. וו.״

— וואס־זשע ווילסטו, וואס־זשע ווילסטו,
א סטאָליער פאר א מאן?
— „א סטאָליער פאר א מאן וויל איך ניט,
א סטאָליער׳ס טאָכטער בין איך ניט!
זיץ איך אויפען שטיין, א. ז. וו.״

— וואָס־זשע ווילסטו, וואס־זשע ווילסטו,
א דאקטאר פאר א מאן?
— „א דאקטאר פאר א מאן וויל איך ניט,

5 Wusźe wilstü?

וואָס־זשע ווילסטו ?



א דאקטאר'ס טאָכטער בין איך ניט!
זיץ איך אויפֿעך שטיין, א. ז. וו."

טאָ וואָס־זשע ווילסטו, וואס־זשע ווילסטו,
א לערנער פאר א מאַן?
— „א לערנער פאר א מאַן וויל איך דאָך,
א לערנער'ס טאָכטער בין איך דאָך!
זיץ איך אויף דעם דאך
און קוק אראָפּ און לאַך:
אלע מיידעלעך האָבען חתונה,
און איך מיט זיי באגלייך!"

(אומאן, קיעווער גוב.)

6.

מאמעשי, מאַך מיר חתונה!
„טאָכטער, ס'איז נאך צייט!"
מאמעשי, מאַך מיר חתונה,
א געלעכטער אָן א זייט!

מאמעשי, מאַך מיר חתונה!
„טאָכטער, שווייג שוין שטיל!"
מאָמעשי, מאַך מיר חתונה,
ס'איז ניש' קיין קינדער־שפּיעל!

מאָמעשי, מאַך מיר חתונה!
„טאָכטער, ס'איז נישטאָ קיין געלט!"
מאָמעשי, יאָך וויל ניש' וויסען,
כ'וויל אויך וויסען פון א וועלט!

(ווארשא)

6 Mameschi, mach mir chassene!

מאַמעשי, מאַך מיר חתונה!

Moderato.



Ma - me - schi, mach mir chas - se - ne!



Toch - ter, s'is noch zait!



Ma - me- schi, mach mir chas- se - ne, A ge -



lech - ter un a sait!

7.

מאַמעשי, מאַך מיר חתונה,
גיב מיר א חתן א וועבער!
ווען מיר ביידע פאהרען אויף דער חתונה,
אין א קאַטש מיט גומענע רעדער.

מיין חתן האט זיך געקויפט א קאַפעליוש,
און מיר האָט ער געקויפט א הוט;
בין איך מיר געפאהרען קיין מאַנקעטאָוו*)
צו די רוסישע מוזיק.

אזוי ווי כ׳בין געקומען קיין מאנקעטאוו,
האָב איך אנגעטרעטען אין גערטעל „באגאטעלע״;
האָב איך געטראפען מיין חתן מיט אנאנדער כלה געהן
האָב איך איהם געמאַכט א רוסישע קאַפעלע.

(ווארשא)

*) א געגענד הינטער ווארשא.

8.

מאכטער לעבען, קרוינע לעבען,
כ'האָב דאך דיך זעהר ליעב!
יאך וועל דיר א חסיד פאר א מאַן געבען,
פאר וואס טוסטו מיר נישט צוליעב?

„אי, מאַמע לעבען, קרוינע לעבען,
א חסיד אין א קאַפּאָטע האט דאך נישט קיין חן!
א דייטש פאר א מאן זאָלסטו מיר געבען,
א דייטש פאר א מאן איז זעהר שעהן!"

(ווארשא)

9.

מאַמעליו, א חתן, גיך און געשווינד!
האָב שוין רחמנות אויף דיין איינציג קינד!
זאל שוין זיין א געלען, א שווארצען, א ווייסען;
מאַמעליו, א חתן, אבי נישט פון פרייסען!
די פרייסישע העררן זיי ליעבען דאָס געלד,
מיט א ווארשעווער יינגעלע קען מען לעבען א וועלט.

(ווארשא)

10.

ווער ס'וועט מיר קומען זאגען,
אז מיין חתן געהט, —
א רובעל פאר'ן וועג
ליעגט שוין אנגעגרייט!

מיין חתן איז געקומען,
מע האט איהם פיין צוגענומען,
מע האט געטרינקען מעד און וויין
און דערנאך געגאנגען אין גאס אריין.

(ווארשא)

10 Wer s'wet mir kümen sug'n.

ווער ס'וועט מיר קומען זאגען



11.

האָב יאָך א חתן א וואָוילען
און דערצו א שטארקען!
האב יאך איהם גענומען
פון די ניזקע גאס, פון פארקען.

האט ער געגעסען לאָקשען,
האט ער זיך פארדארבען...
האָט ער געגעסען לונגען,
איז ער געשטארבען!..

(ווארשא)

11 Hob jach a chuss'n a woil'n.

האָב איך א חתן א וואוילען



12.

חאָב איך א חתן א קאָנטאָרזשיסט,
טראגט ער מיר ארוים דאס ביסעלע מיסט,
רייבט ער מיר אפּ די לעפעל
און טראגט מיר ארוים דאָס שעפעל!

(ווארשא)

13.

חאָב איך א כלה, איז זי שעהן:
שווארצע אויגען, ווייסע צייהן;
טויגען — טויג זי נישט פאר מיר,
ווייל ז׳איז געגאנגען מיט אנ׳אנדערן פריח׳ר.

(ווארשא)

14.

מערען, ציבעלעס ווערען טייער,
מאכט מען דאך א קרענצעל;
אז פון א מיידעל ווערט א ווייבעל —
געהט מען א מצוה־טענצעל.

(ווארשא)

15.

אין זאקסישען גארטען, אין די טשעמניע אלעען,
בין איך מיר געגאנ׳ען א חתן זעהן;
בין איך מיר געגאנ׳ען אין געלע לאטשען*),
האט ער באפוילען: ער וועט מיך פאטשען!

(ווארשא)

---

*) האלבע שיך.

16.

קומט דער ליעבער זומער,
שפּיעלען מיר אין זאמד;
וואו ס'איז אונזער וואוינונג,
דארט איז אונזער לאנד.

שוואַרצע קאַרשען רייסען מיר,
רויטע לאזען מיר שטעהן;
שעהנע חתנים נעהמען מיר,
מיאוס'ע לאזען מיר געהן.

געה איך ארום שוהל, ארום שוהל,
באגעגען איך דעם רב'ם זוהן.
זאל ער מיט מיר ריידען,
שטעהט דאך איהם ניט אן.

זאל ער מיט מיר ניט ריידען,
איז ער דאך מיין מאן!
מיין מאן, מיין מאן איז ער געבליעבען,
און געלט האט ער אין בייטעל געקליעבען.

(דרויע, ווילנער גוב.)

16 Kumt der lieber summer.

קומט דער ליעבער זומער

Allegro.



Kumt der lie-ber su-mmer, Spie-len mir in samd;

Wu s'is un-ser woi-nung, Dort is un-ser



land. Schwar-ze kar-schen rais-sen mir,



Roi-te lo-sen mir stehn; Schej-ne cha-sa-nim

ne-men mir, Mi-se lo-sen mir gejn.

17.

איך וואָלט גערן, עס זאָל זיין פאַר נאַכט,
צו שטעלען זיך פאַר דער טהיר;
אַלע קאַמאַשען־מאַכערס גערען פאַרביי,
נאָר מיין חתן קומט נישט צו מיר.

ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפען
אַ שעהנעם חתונה־פאַכער;
היינט אַ ליאַד, אַ סטרוזש
ווערט אַ קאַמאַשען־מאַכער.

צעהען גילדען אַ וואָך
און נאָך דערצו מיט קלייסטער,
ער אַרבעט טאָג און נאַכט
און קען נישט ווערען קיין מייסטער!

אָי, איז דאָס אַ וועלט,
ס'איז גאָר נישט אויסצוזאָגען!
איידער אַ קאַמאַשען־מאַכער פאַר אַ מאַן,
איז בעסער זאַמד צו טראָגען!

(וואַרשאַ)

17 Ich wolt ger'n, es sol sein farnacht.

איך וואלט גערן, עס זאל זיין פארנאכט

Moderato.



18.

הער נאר, דו שעהן מיידעלע,
מאך דיך נישט צום נאר!
מאלע א חתן ווערט ברוגז,
זיי דיך נישט מצער!

(לאמזע)

19.

הער נאר, דו חתן, זיי שוין סמיאלע, זיי שוין סמיאלע,
געה שוין טאנצען מיט דיין כלה!
איז זי דיין, נעהם זי צו,
קעדי טוואָיא, טאָ ביערי!

(ווארשא)

19 Hör nor, dü chuss'n.

הער נאר, דו חתן



20.

אלע מענטשען טאַנצענדיג, און שפּרינגענדיג,
און לאַכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט ? . .
„איך וויין, וואס איך מיין :
עס איז שוין צייט צו דער חופּה צו געהן !"

אלע מענטשען טאַנצענדיג, און שפּרינגענדיג,
און לאַכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט ? . .
„איך וויין, וואס איך מיין :
עס איז שוין צייט עסען צו געהן !"

אלע מענטשען טאַנצענדיג, און שפּרינגענדיג,
און לאַכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט ? . .
— „איך וויין, וואס איך מיין :
עס איז שוין צייט א מצוה-טענציל געהן !"

אלע מענטשען טאַנצענדיג, און שפּרינגענדיג,
און לאַכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואַס דו וויינסט ?
„איך וויין, וואַס איך מיין :
עס איז שוין צייט שלאָפען צו געהן !"

(ווארשא)

20 Alle mentschen tanzendig.

אלע מענטשען טאנצענדיג



21.

(וואריאנט)

צו דער חופּה געהענדיג,
געהט דאָס חתן'דעל וויינענדיג:
אָי, וועה, וואָס איך וויין,
כ'וואָלט שוין גערן עסען געהן!

פון דעם עסען געהענדיג,
געהט דאס חתן'דעל וויינענדיג:
אָי, וועה, וואָס איך וויין,
כ'וואלט שוין גערן אהיים געהן!

פון דער חתונה געהענדיג,
געהט דאס חתן'דעל לאַכענדיג:
אָי, יאַך לאַך, אָי, יאַך לאַך,
האָט'ס מיר אלע א גוטע נאַכט!"

(ווארשא)

22.

אָט אזוי, אָט אזוי,
נארט מען אָפּ א חתן:
מע זאגט איהם צו א סך נדן,
מע גיט איהם ניט קיין גראָשען!

(ווילנא)

21 Zü der Chüpe gaiendig.

צו דער חופה געהענדיג



23.

(מיטגעטיילט פון א. לובזינסקי)

היי, האָבער און קאָרן,
רבקה האָט דעם פארטאך פארלאָרן,
און יאַנק׳ל האט עס געפונען
האָבען זיך ביידע גענומען.

שטעהט רבקה אין שפּיעגעל
און קאָמט אראָפּ די הערלאך ;
איז צוגעגאנגען יאַנקעל
און האָט איהר באַשאָטען מיט קערלאך.

דאס ווייסען דאך אללע,
אז רבקה איז א כלה,
און יאַנקעל איז א חתן
און האָבען זיך ביידע געשלאָסען.

(פינסק, מינסקער גוב.)

23 Hej, hober un kor'n.

היי, האָבער און קאָרן

Moderato.



24.

ראשע איז געווארען א כלה,
האט געקאכט די גאנצע וועלט;
א חתן גענומען א סאלע,
אהן א גראשען געלט.

האט זי דאך איין קליידעל
הענגט עס אויפ'ן וואנד,
און ווי עס קומט פאר נאכט,
שפאצירען זיי זאלבענאנד.

(מינסקער גוב.)

25.

אי, בעוונותינו הרבים,
וואס געמיינע מענטשען זענען!
מסתמא האט גאט געוואלט,
אז חיים זאל חיה'ן נעהמען.

אז זיי האבען זיך שוין גענומען,
זאל זיי וואיל באקומען!
זיי זאלען בשלום וואוינען,
קיין נקמה זאלען נישט האבען קיין שונאים.

לייענט דאס בלעטעלע קריק,
איז חיים פאר חיה'ן א גליק;
לייענט דאס בלעטעלע פארקעהרט,
איז חיים חיה'ן נישט ווערטה!

(ווארשא)

26.

כלה, כלה, מזל טוב!
דער חתן איז אן אבן טוב!
אן אבן טוב איז זעהר שעהן,
צו דער חופה מוז מען געהן!

א שעהן עפעלע איז דאך וויניג,
א כשרה כלה איז א תענוג!
א וויניג עפעלע איז זעהר זים,
א טרפה כלה איז דאך מיאוס!

קיילע, קיילע, גרייט צום טיש,
וועלען מיר עסען יויך מיט פיש!
וועלען מיר טרינקען מעד און וויין,
פרעהליך, לוסטיג וועלען מיר זיין!

(ווארשא)

27.

כלי זמר: פון קליין ביזקעל גרוים,
דארף מען טאנצען מיט דער כלה
און אז מען טאנצט מיט דער כלה,
איז פאר מיר א וועלט:
א דרעה ארום מחותנים אלע —
און איך האב שוין ווידער געלט!

טענצער: צובייט־זשע מיר א רובעל
אויף איינציגע גיל'ען,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
וועט ער מיר שפיעלען.

צובייט־זשע מיר א רובעל
אויף איינציגע צעהנער,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
שפיעלט ער מיר שעהנער.

צובייט־זשע מיר א רובעל
אויף איינציגע זעקסער,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
שפיעלט ער מיר עקסטער.

צובייט־זשע מיט א רובעל
אויף איינציגע פיערער,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
שפיעלט ער מיר פיהרער.

צובייט־זשע מיט א רובעל
אויף איינציגע דרייער,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
שפיעלט ער מיר טייער.

צובייט־זשע מיט א רובעל
אויף איינציגע קאפיקעס,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
שפיעלט ער מיר האפקעס.

צובייט־זשע מיט א רובעל
אויף איינציגע גראשען,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
קויפט ער זיך קאלאשען.

צובייט־זשע מיט א רובעל
אויף איינציגע דעניזשקעס,
באצאהל איך דעם כלי־זמר
קויפט ער זיך העניטשקעס.

(טשימעראוויץ, פאדאלער גוב.)

28.

היינטיגע מיידעלעך די פּאַנפּעראַנקעס ;
זיי גערעהן אויף חתונות און טאַנצען פּאָלקעס ;
פּאָלקע מאַזור איז זייער לעבען,
זיי האָבען קיין גראָשען דעם כלי־זמר צו געבען !

כלי־זמר, כלי־זמר, שפּיעלט מיר שעהן,
כ'וועל אייך געבען אַ דרייער מעין !
אַ דרייער מעין איז גאָר קיין סך,
איהר זאָלט מיר שפּיעלען אַ גאַנצע נאַכט !

אַ גאַנצע נאַכט איז קיין סכנה,
מע טאָר נישט חתונה האָבען מיט אַן אלמנה ;
אַן אלמנה האָט קאַלטע פיס —
אַ שעהן מיידעלע איז צוקער־זיס !

(וואַרשא)

28 Hantige meidelech die fonferonkes.

חיינטיגע מיידעלעך די פאנפעראנקעס



29.

(מיטגעטיילט פון א. באַרון)

האצקעלע, האצקעלע,
שפּיעל מיר א קאזאצקעלע!
האָטש אן ארעמינקס,
אבי א חוואטסקעלע!
ארעם איז ניט גוט,
ארעם איז ניט גוט,
לאמיר זיך ניט שעהמען
מיט אונזער אייגען בלוט.

ניט קיין געבעטענע
אליין געקומען,
האָטש אן ארעמינקע,
פארט א מומע.
ארעם איז ניט גוט,
ארעם איז ניט גוט,
לאמיר זיך ניט שעהמען
מיט אונזער אייגען בלוט.

(ראוונע, ושיטאמ. גוב.)

29 Chazkele Chazkele.

חאצקעלע, חאצקעלע



30.

(וואריאנט)

(מיטגעטיילט פון מ. גינזבורג)

רב אבא, רב אבא'לע
שפּיעלט מיר אַ קאַזאַצקע!
האָטש איך בין אַ קליינינקע,
אָבער אַ חוואַטסקע.

רב אבא, רב אבא'לע
שפּיעלט מיר אַ דומע,
האָטש איך בין אַן אָרימע —
דאָך דער כלה'ם אַ מומע.

(מינסק)

30 Reb Abe, reb Abele.

רב אבא, רב אבא'לע



31.

משה, משה, קום שוין אהער,
וועלען מיר טאנצען א פּאָלקע מיט א שעהר!
און אז מיר וועלען דערלעבען ביי לייבישקען,
וועלען מיר טאנצען אין אכטען א שעהר.

חיה, חיה, קום שוין אהער,
וועלען מיר טאַנצען אַ מאַזורקע און א שעהר!
אז מיר וועלען דערלעבען ביי דבורה'קעלען,
וועלען מיר טאנצען א פּאָלקע און א שעהר.

(אומאן, קיעווער גוב.)

32.

כ'האָב א ירושה פון מיין טאַטען,
אז א כוסה קאָן ניט שאַטען,
דאָס איז דאָך דער בעסטער משא־ומתן,
כלי זמרים שפּיעלען אויפ'ן קול:
מזל טוב אייך, אלע, אלע!
כ'וועל אייך זינגען נאָך א מאָל,
לכבוד החתן והכלה.

(מינסק)

33.

זיים מיר געזינט, חבר'טאָרינס אלע,
מיין גאנץ הארץ דערצעהל איך אויס פאר אייך:
ווער עס איז מיר מקנא, אָי, דעם נאָמען כלה,
נישט יעדען דינט עס צוגלייך.

עס איז א פאלשע וועלט,
עס איז אלעס פארשטעלט,
ביז מען שפיעלט שוין אדיע,
אָי, אדיע און אדיע!

צו דער חופּה ווערט מען דאך געפיהרט,
מען ווערט אָפּגעגעבען צו א צווייטען פערזאָן,
מיט דערמיט ווערט מען ריזעקירט,
דער פערגעניגען פון לעבען הייגגט אין קאָן.

א חתונה ווי א חלום שטעלט עס זיך מיר פאר,
ווי דער ווינד וואָס טוט א וויעי;
אזוי היילט מען זיך און מען געזעגענט זיך.
ביז מען שפיעלט שוין אדיע און אדיע!

(בריסק, גראדנער גוב.)

34.

איז געקומען דער פעטער נתן
און האט געבראכט דעם שעהנעם חתן ;
שעהן, פיין, דער פעטער נתן
האָט געבראכט דעם שעהנעם חתן !

איז געקומען די מומע מאַלע,
און האָט געבראכט די שעהנע כלח ;
שעהן, פיין, די מומע מאלע
האָט געבראָכט די שעהנע כלה !

(קאָוונער גוב.)

34 Is gekumen der vetter Noss'n.

איז געקומען דער פעטער נתן

Allegro.



35.

אמאָל איז געווען א חתונה
מיט א סך מענטשען;
אָנגעפרעסען און אָנגעטרונקען
און אהיים געלאָפען אָהן בענטשען!

גאָט זאל זיי נישט רעכענען,
גאָט זאל זיי נישט שטראָפען;
אפגעגעסען און אפגעטרונקען
און אהיים געלאפען שלאָפען!

(ווארשא)

36.

אי, היינט איז דער טאג
פון טאנצען און שפרינגען;
היינט איז דער טאָג
די כלה צו באזינגען.

עס'ס מעגט זינגען
ווער עס וויל,
נאר יאך 'על מיר זיצען
און שווייגען שטיל.

שפאנטס מיר איין די פערדעלעך,
שמירטס מיר אן די רעדעלעך,
און פיהרטס מיר ארויס
אויפ'ן גרויסען הויף!

(ווארשא)

37.

שעהנע, ליעבע כלה,
הער, איך זאָג דיר פּאָר:
דיין מזל זאָל דיר שיינען,
ווי די זונן איז קלאָהר!

חן זאָלסטו געפינען
ביי גאָט און ביי לייט;
ליכט זאלסטו בענטשען
צו דער רעכטער צייט.

מעהל זאלסטו קויפען,
וואָלוועל אדער טייער;
חלה זאלסטו נעהמען
און ווארפען אין דעם פייער.

פלייש זאלסטו קויפען,
כשר זאלסטו מאכען;
דאס ווערט דאָך גערעכענט
פאר אלע יידישע זאכען.

טבילה זאלסטו געהן
צו דער רעכטער צייט,
וועסטו האבען קינדער
גוטע, פרומע לייט.

שעהנע, ליעבע כלה,
היט דיך פאר א זינד!
אלץ ווערט אפגערעכענט,
ווען מע געהט צו קינד.

(ווארשא)

37 Schaine, liebe kale.

שעהנע ליעבע כלה



38.

בין איך מיר א כלה —
אך, ווי וואָיל איז מיר!
ס׳פרייהען זיך מיט מיר אלע,
די פרייד איז נאָר ביי מיר.

שיקט מיר דער חתן א בריוועלע —
צו קושען זיינע ווערטער!
כ׳וואלט געוואלט שוין וויסען:
צי איז ער מיין באשערטער.

שיקט מיר דער חתן מתנות —
בעניימ ער מיינע יאָהר!
שווערט ער מיר בנאמנות:
ס׳וועט זיין אויף לאנגע יאָהר!

פיהרט מען מיך צו דער חופה,
פיהרט מען מיך צוריק, —
שטעהען מיידעלעך און ווייבעלעך
און ווינשען מיר גליק.

צו מאָרגענס אין דער פריה
די שמחה איז אין גאנצען:
דער מאן זיצט ביים טיש,
דאס ווייבעלע געהט שוין טאנצען!

38 Bin ich mir a kale.

בין איך מיר א כלה



שבת אין דער פריה
פיהרט מען מיך אין שוהל,
שטעהען מיידעלעך און ווייבעלעך
אין די גאסען פול.

אין אכט טאג ארום
נעהמט מען מיך אויף קעסט, —
מע האלט מיך אזוי אויף,
ווי א פייגעלע אין נעסט.

אין פיער וואכען ארום
איז די שמחה אוים, —
דאס ווייבעלע לויפט ארום
ווי א פער׳סם׳טע מויז.

קליידער און נדן
האסטו מיר געגעבען,
מיט א שלעכטען מאן
מוז איך, נעבעך, לעבען!

אַי, אַי, אַי! ווי וואלט איך שוין גערן
דעם שלעכטען מאן שוין פטור ווערען!
אַי, אַי, אַי! ווי וואלט איך שוין גערן
גאָר צוריק אַ מיידעל ווערען!

II.
לידער פון פאמיליען־לעבען

1.

(מיטגעטיילט פון די שוועסטער בר־כחן)

לייג איך מיין קעפעלע
אויף מיין מאמע'ס בעטעלע;
געהט די מאמע פארבאי,
נאכאנאנד זי טוהט און קוועלט:
„שלאף, מיין טאכטער שעהנינקע,
אייגעלאך האסטו קליינינקע,
שלאף געזונטערהייד! שלאף געזונטערהייד!"

לייג איך מיין קעפעלע
אויף מיין טאטענ'ס בעטעלע,
געהט דער טאטע פארבאי,
נאכאנאנד ער טוהט און קוועלט:
„שלאף, מיין טאכטער שעהנינקע,
אייגעלאך האסטו קליינינקע,
שלאף געזונטערהייד! שלאף געזונטערהייד!"

לייג איך מיין קעפעלע
אויף מיין שוויגער'ס בעטעלע;
געהט די שוויגער פארבאי,
נאכאנאנד זי טוהט און שילט:
„מיין שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאכה טוהט זי ניט!
נאכאנאנד זי טוהט און שלאפט,
נאכאנאנד זי טוהט און שלאפט!"

1 Lejg ich main kepele.

לייג איך מיין קעפעלע

Moderato.



ליֵיג איך מײַן קעפּעלע
אויף מײַן שווער'ס בעטעלע;
גערהט דער שוועכר פאַרבאַי,
נאָכאַנאַנד ער טוהט און שילט:
„מײַן שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאכה טוהט זי ניט!
נאָכאַנאַנד זי טוהט און שלאָפט,
נאָכאַנאַנד זי טוהט און שלאָפט!"

ליֵיג איך מײַן קעפּעלע
אויף מײַן מאַנ'ס בעטעלע;
געהט מײַן מאַן פאַרבאַי,
נאָכאַנאַנד ער טוהט און קוועלט:
„שלאָף, מײַן ווייבעלע שעהנינקע,
אייגעלאך האָסטו קליינינקע,
שלאָף געזונטערהייד! שלאָף געזונטערהייד!"
(דרויע, ווילנער גוב.)

2.

נישט קיין שווארצע, נישט קיין גרינע,
נאָר אין א גאַנץ ווייטער מדינה.

— — — — — — — — — — — — —

מאַמע לעבען, מאַמע מיינע,
צי בין איך דען נישט א טאָכטער דיינע?

צי בין איך דען נישט דיין איינציג קינד?
צו וואס האָסט מיך אָבגעגעבען צו א גרוים געזינט.

דאָס הויזגעזינט איז געגאַנ'ען עסען,
און אָן די שנור האָט מען גאָר פערגעסען.

די שוויגער האט גענומען דעם קובעל*) מיט די שטריק,
און האָט די שנור נאָך וואסער געשיקט.

די שנור איז געגאַנ׳ען מיט פאַרדראָסען
און האָט דעם וועג מיט טרעהרען באַגאָסען.

ווי די שנור האָט צוריקגעקעהרט,
איז זי געשטאַנען ביים טיהר און האָט געהערט.

אזוי האָט די שוויגער צו איהר מאַן גערעדט:
— דריי טאָג האָט זי דאָס בעט נישט פאַרבעט!

צי האָסטו נאָך אַזעלכעס געהערט;
דריי טאָג האָט זי די שטוב נישט אויסגעקעהרט?

איידער דו זאָלסט האָבען נישט קיין פאַרבעטע בעטען,
גלייכער, זוהנעניו, זאָלסט זיך מיט איהר גט׳ן.

„איידער, מאמעשי איך זאָל מיך מיט איהר גט׳ן,
בעסער וועל איך זי קושען און גלעטען.

— איידער, זוהנעניו, זאָלסט זי ליעב האָבען,
בעסער זאָלסטי איהר יונגערהייד באַגראָבען!

„איידער, מאַמעשי, איך זאָל זי יונגערהייד באַגראָבען,
בעסער וועל איך מיט איהר קינדער האָבען!“.

— איידער, מיין זוהנעניו, דו זאָלסט מיט איהר קינדער האָבען,
בעסער זאָל איך אייך ביידע באַגראָבען!

„איידער, מאַמעשי, דו זאָלסט אונז ביידען באַגראָבען,
בעסער וועל איך נאָך דיר קדיש זאָגען!“.

(ווארשא)

*) עמער.

3.

טאָכטער, דו ליעב, טאָכטער דו מיין!
קום איך וועל דיר לערנען א שנור צו זיין:
אזוי ווי די שוויגער וועט קומען צו געהן,
זאָלסטו זי לאָזען פריהער אריין.

אזוי ווי די שוויגער איז געקומען צו געהן,
האָט זי זי געלאָזט פריהער אריין.

— — — — — — — — — — — — — — —

אזוי ווי זי האָט געקריגען דעם ערשטען וועה,
האָט זי געטהאָן א גרויס געשריי:

— שוויגער איהר ליעב, שוויגער איהר מיין!
זעצט איהר מיך אין הייזעלע אריין,
אפשר וועל איך הערען דאָס הענדעלע קרעהען,
און גאָט ב"ה וועט מיר מיין הארץ דערפרעהען!

„שנור דו ליעב, שנור דו מיין,
זאָל דיר דאָכטען איך האָב דיך געזעצט אין הייזעל
אריין,
זאָל דיר דאכטען האָסט געהערט דאָס הענדעלע
קרעהען,
און גאָט ב"ה וויל דיר נישט דיין הארץ דערפרעהען!"

— שוויגער איהר ליעב, שוויגער איהר מיין,
שיקט איהר מיר דעם שווער אריין!
אזוי ווי דער שווער איז אריינגעקומען,
האָט זי איהם גאנץ פריינדליך צוגענומען:

3 Tochter dü lieb, tochter dü main.

טאכטער, דו ליעב, טאָכטער דו מיין



— שווער איהר ליעב, שווער איהר מיין,
לויפט איהר מיר אין שוהל אריין:
טוהט תשובה, תפילה, צדקה פאר מיין געלט,
אפשר וועט מיר גאָט לאָזען לעבען אויף דער וועלט!

„שנור דו ליעב, שנור דו מיין,
זאָל דאָכטען איך בין שוין געלאָפען אין שול אריין,
כ'האָב געטון תשובה, תפילה, צדקה פאר דיין געלט,
נאָר גאָט וויל דיר נישט האָבען אויף דער וועלט!"

— שווער איהר ליעב, שווער איהר מיין,
שיקט איהר מיין מאַן אריין.
אזוי ווי דער מאַן איז אריינגעקומען,
האָט זי איהם גאַנץ שעהן צוגענומען:

מיין מאַן דו ליעב, מיין מאַן דו מיין,
לויף מיר גיך אין שטאַל אריין!
קלייב דיר אוים דאָס בעסטע פערד,
ס'מעג הונדערט רובעל זיין די ווערט;

פליה געשווינד, ווי פייל פון בויגען,
ברענג מיר מיין מאמען, וואָס האָט מיך דערצויגען!

אזוי ווי די מוטער איז געקומען צום בריק,
זענען שוין די באַגרעבערס געגאַנגען צוריק.

— באגרעבערס איהר ליעב, באגרעבערס איהר מיין,
וואו האָט איהר געלעגט מיין טאָכטער אריין?
„מיר האָבען זי געלעגט וואו ס'בוימעלע איז רויט,
שווער און שוויגער האָבען איהר געמאכט דעם טויט".

(ווארשא)

4.

(מיטגעטיילט פון טש. צונזער)

אין אַ שטאָדט איז אַ מעשה פארלאָפען:
א מלך האָט אַ מלכה אוועקגעוואָרפען.

— — — — — — — — — — — — — — —

— פייגעלע דו מיין, פייגעלע דו פיין,
זאָל דיר פרעהליך זיין!
פייגעלע דו מיין, פייגעלע דו פיין,
אפשר ווייסטו אוואו איז מיין מאַן?

„קיין אלטע פייגעלע בין איך ניט,
אין געדיכטע וועלדער פליה איך ניט,
ווייס איך ניט אוואו איז דיין מאַן!

שרייב מיר אָן אַ בריוועלע,
און קלעפּ מיר צו צום פליעגעלע,
וועל איך דיר זאָגען אוואו איז דיין מאַן!“

די פייגעלע איז געפלויגען
אַ טאָג מיט אַ מעת לעת,
געקומען צום מלך,
טויט ווי אַ מת.

„אלטער מאַן, וואָס האָט דיר די מלכה
פאר אַ שלעכט'ס געטאָן?“

— ניט קיין גוט'ס, ניט קיין שלעכט'ס,
קיינמאָל ניט געגעסען קיין רעכט לעפעל
געקעכט'ס!

די פייגעלע איז געפלויגען
אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
געקומען צו דער מלכה, —
די לאַדען פאַרמאַכט.

— אַ ליכטיגע בשורה האָסטו מיר געבראַכט?
„אַ פינצטערע בשורה האָב איך דיר געבראַכט!".

ווי זי האָט גענומען דעם גט אין האַנד,
האָט זי זאַך אָנגעהויבען שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד,
פּיס — אָן טיהר:
מיין ליעבער מאַן אוועק פון מיר!

(ווילנא)

.5

אַמאָל איז געווען אַ מעשה אַזוי:
א מאַן איז אוועק פון א יונגע פרוי;
ער איז פון איהר אוועק געפאָהרען
און האָט זיך אָפּגעזאַמט א ים מיט יאָהרען;
א ים מיט יאָהרען אין ווייטער מדינה —
די שעהנע חנה איז געבליבען אַן עגונה.

איינמאָל קומט ער צו איהר פארשטעלט:
צי האָסטו קליידער, צי האָסטו געלט?
צי האָסטו קליידער, צי האָסטו שפּענער?
צי האָסטו לוסט צו פרעמדע מענער?

5 Amul is gewen a maasse asoi.

אמאָל איז געוועזן א מעשה אזוי



„כ'האָב קיין קליידער, כ'האָב קיין שפּענער,
איך האָב קיין לוסט צו פרעמדע מענער!“

אַ פינגערל האָט ער געברענגט — איז עס העל און רויט,
און וועגען וועגט עס זעכציג לויט,
און שעהן איז עס ווי די גאַנצע וועלט,
און ווערט איז עס זעהר פיעל געלט.
„דאָס פינגערל וועל איך דיר פאר אַ מתנה שענקען,
נאָך דיין ליעבען מאַן זאָלסטו נישט געדענקען!“

„אַי, ס'פינגערל איז טאַקע העל און רויט,
און וועגען וועגט עס זעכציג לויט,
און שעהן איז עס ווי די גאַנצע וועלט,
און ווערט איז עס זעהר פיעל געלט.
ס'פינגערל וויל איך פאר אַ מתנה נישט טראָגען,
נאָך מיין ליעבען מאַן וועל איך וויינען און קלאָגען“.

אַ פארטעכעל האָט ער איהר געברענגט — איז עס ווייס
ווי קרייד,
און וואשען וואַשט זיך עס אזוי ווי זייד,
לאַנג איז עס ביז צי דער ערד,
הונדערט רובעל האָט עס די ווערט.
„ס'פאַרטעכעל וועל איך דיר פאר אַ מתנה שענקען,
אָן דיין ליעבען מאַן זאָלסטו נישט געדענקען!“

„ס'פארטעכעל איז טאַקע ווייס ווי קרייד,
און וואשען וואַשט זיך עס אזוי ווי זייד,
און לאַנג איז עס ביז צו דער ערד,
הונדערט רובעל האָט עס די ווערט;
ס'פארטעכעל זאָלסטו מיר פאר א מתנה נישט שענקען,
נאָך מיין ליעבען מאַן וועל איך טרויערען און בענקען!“.

וואָיל איז צו מיר און צו מיין לייב,
אַז איך בין דיין מאַן און דו ביזט מיין ווייב!
איך דאנק דיר, און איך דאנק דיר לבנה,
איך דאַנק דיר, גאָט, פאר דיין טייערע מתנה!
איך דאַנק דיר, שעהנער מאָרגען־שטערן,
איך דאנק דיר, גאָט, פאר מיין זווג־קרן!"

(וואַרשא)

6.

זיץ איך מיר ביי דער ארבעט,
טו איך מיר פארבענקען,
פאַל איך אריין
אין אלערליי קרענקען.

פון אלערליי קרענקען,
קען דער דאָקטאָר אויסהיילען;
וואָס ס'איז אין מיין הארצען,
קען איך קיינעם נישט דערצעהלען!

די שעהנע רויז בליהט אין גאָרטען,
דער רעגען גיעסט אויף איהר,
ווערט זי דאָך אָן
איהר שעהנע קאָליער.

נישט אזוי די קאָליער,
ווי איהרע שעהנע פארבען;
איידער אזא לעבען,
בעסער יונגערהייד צו שטאָרבען!

יונגערהייד צו שטארבען
איז דאָך נישט קיין סכנה,
איידער צוּ בלייבען
אַ יונגע אַלמנה.

אפשר מיינט איהר אן אלמנה,
וואָס דער מאַן איז איהר געשטאָרבען?
ניין, אן עגונה,
וואָס דער מאן האָט זי אוועקגעוואָרפען!

דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפען
מיט זיעבען קליינע קינדער
איטליכעם שרייט:
אַ שטיקעל ברויט באַזינדער!

אַ שטיקעל ברויט באַזינדער
זי האט זיי נישט צו געבען.
ווער קען נאָך וויסען
פון אַזאַ ביטערען לעבען!

(ווארשא)

7.

(מיטגעטיילט פון מאיר בלינקין)

אַנגעשפּאַרט אויפ'ן עלענבויגען,
זיטץ איך מיר שפּעט אין דער נאַכט;
אַ, הייסע טרערען גיעסען פון מיינע אויגען,
איך זיטץ מיר נעבעך און טראַכט.

7 Ongespart oifen elenboigen.

אנגעשפארט אויף זיין עלענבויגען



אַי, מיין וועהטאַג ווייסט דאָך נישט קיינער,
ס׳איז נישטאָ אזאַ מענש, וואָס ס׳זאָל איהם געבען
א ריהר;
אַי, צו מיין לעבען פעהלסטו מיר איינער,
אָך און וועה איז צו מיר!

איך בין אויסגעפאָהרען די גאַנצע וועלט,
איך בין אויסגעוועזען אין יעדער מדינה;
אַי, אָהן אַ קאָפּיקע געלט,
בין איך פארבליבען א פינסטערע עגונה.
אַי, מיין וועהטאַג, א. ז. וו.

איך פרעג פיעל מענער, איך פרעג פיעל קענער,
איך פרעג פיעל מענשען קלוגע:
אַי, צי האָט ווער געזעהען יאָסע פרוזשענער?
מאַכען זיי מיך פאר משוגע.
אַי מיין וועהטאַג א. ז. וו.

צי האָט ווער געזעהען, צי האָט ווער געהערט?
צי איז ווער געוועזן אין יענער מדינה?
אַי, אָהן אַ קאָפּיקע געלט
בין איך פארבליבען אן אייביגע עגונה.
אַי, מיין וועהטאַג פיהלט דאָך נישט קיינער,
ס׳איז נישטאָ אזאַ מענש, וואָס ס׳זאָל איהם געבען
א ריהר;
אַי צו מיין לעבען פעהלסטו מיר איינער,
אָך און וועה איז צו מיר!

(פערעיאסלאוו, פאָלטאַווער גוב.)

8.

דאָרט שטעהט אַ שטיבעלע גאָר באַזונדער,
ניט ווייט פון די הייזער לעבען טייך;
דאָרט זיצט אַן אלמנה מיט פיער קינדער,
פאַראַרימט, בלאַס און שוואַך.

די קינדער וויינען, נעבאַך, עסען,
און זי האָט זיי ניט וואָס צו געבען:
אין קרעטשמע זענען מיר געזעסען,
פון דאָרט האָט מען אונז ארויסגעטריבען.

(דראָזשנע, פאָד. גוב.)

9.

אַך, פֿאַטער, וואָס האָסטו געוואָלט פֿון מיר
האָבען ?—
גלייכער וואָלסטו מיר יונגערהייד באַגראָבען ;
ס'איז ניש' שעהן, ס'איז ניש' פֿיין,
ס'איז נישטאָ מיט וועמען אין גאַס אַריינצוגעהן !

ס'איז מיר ערגער, ס'איז מיר נישט ליעב,
פֿאַרוויסט איז מיר מיין לעבען
צו זיין מיט איהם אין שטוב.
ס'איז מיר ערגער א. ז. וו. .

אַך, מיין גאָט ! הער אויס מיין געדאַנק :
לעג איהם אַנידער א ביסעל קראַנק !
און אז ער וועט שיין גוט קראַנק זיין,
א פֿונט ליכט אין שוהל אריין וועל איך מנדר זיין.

און אז ער איז געוואָרען גוט קראַנק,
האָט דאָך איהר געטון אַ ביסעל באַנג ;
אַזוי ווי מע' האָט איהם פֿון שטוב אַרויסגענומען,
האָט זי א פֿרייען פּנים באַקומען.

אויפ'ן פֿעלד געהענדיג האָט זי געוויינט,
צוריק פֿון פֿעלד געהענדיג האָט זי געלאַכט :
נעהמט'ס איהם, לעגט'ס איהם טיעף אין דעם
גרוב,
כ'זאָל שוין מעהר ניט האָבען אַזאַ קלאָג אין
מיין שטוב !

9 Ach, Futer, wus hostü gewolt.

אך, פאטער, וואס האסטו געוואלט



מיט די הענד האָט זי איהם צוגעשאָטען,
מיט די פים האָט זי איהם צוגעטראָטען:
נעהמט'ס איהם, לעגט'ס איהם טיעף אין דעם
גרוב
כ'זאָל שוין מעהר נישט האָבען אזא קלאָג אין
מיין שטוב!

איך וועל דיר, גאָט, דאנקען אלע מיינע יאָהרען,
וואָס איך בין אזא שלאק פטור געוואָרען!

(ווארשא)

10.

געה איך מיר צו צום שטעהלכעל, איינס, צוויי דריי!
דאָ שטעהט זיך מיר אַ פערדעלע, אָי, ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס פערדעלע איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ מילך־קוה פון מיין מאַמעשי!"
אָי וועה, אַ מילך־קוה מיט אַ זעלכע זאָטעלעך!
אָי וועה, אַ מילך־קוה מיט אזעלכע זאָטעלעך!

געה איך מיר אריין אין שטיבעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ הענגט זיך מיר אַ שינעלכיל, אָי, ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס שינעלכיל
איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ שלאָף־רעקעל פון מיין מאַמעשי!"
אָי וועה, אַ שלאָף־רעקעל מיט מעשענע קנעפּלעך!
אָי וועה, אַ שלאָף־רעקעל מיט מעשענע קנעפּלעך!

געה איך מיר צו צום טישעלע, איינס, צוויי דריי!
דאָ ליעגט זיך מיר אַ היטעלע, אָי, ווי שעהן!

10 Gai jach mir zü züm stälech'l.

געה איך מיר צו צום שטעהלכעל



דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס היטעלע איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ שלאָף־קופּקע*) פון מיין מאַמעשי!"
— אַי וועה, אַ שלאָף־קופּקע מיט אזעלכע דאַשיקעס!
אַי וועה, אַ שלאָף־קופּקע מיט אזעלכע דאַשיקעס!

געה איך מיר צו צום בענקעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ ליעגט זיך מיר אַ פּאַסעקעל, אַי, ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס פּאַסעקעל
איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ זאָקען־בענדעל פון מיין מאַמעשי!"
אַי וועה, אַ זאָקען־בענדעל מיט אזעלכע שנאַלעכלעך!
אַי וועה, אַ זאָקען־בענדעל מיט אזעלכע שנאַלעכלעך!

געה איך מיר צו צום שענקעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ שטעהט זיך מיר אַ שווערדעלע, אַי, ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס שווערדעלע
איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ האַקמעסער פון מיין מאַמעשי!"
אַי וועה, אַ האַקמעסער מיט אזעלכע פרענזועלעך!
אַי וועה, אַ האַקמעסער מיט אזעלכע פרענזועלעך!

געה איך מיר צו צום וױנקעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ שטעהט זיך מיר אַ פּאָאַר שטיוועלעך, אַי ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער די שטיוועלעך
זענען?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ פּאָאַר מילך־טעפּ פון מיין מאַמעשי!"
אַי, וועה, אַ פּאָאַר מילך־טעפּ מיט אזעלכע שפּאָרנדלעך!
אַי, וועה, אַ פּאָאַר מילך־טעפּ מיט אזעלכע שפּאָרנדלעך!

---

*) א הייבעל.

געה איך מיר צו צום שטוהלכעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ ליעגט זיך מיר אַ פּאָאר הויזעלעך, אַי, ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער די הויזעלעך זענען?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ פּאָאר מייטקעלעך, פון מיין מאַ־
מעשי!“

אַי וועה, אַ פּאָאר מייטקעלעך מיט אזעלכע לאַמפּאַסען:
אַי וועה, אַ פּאָאר מייטקעלעך מיט אזעלכע לאַמפּאַסען!

געה איך מיר צו צום בעטעלע, איינס, צוויי, דריי!
דאָ ליעגט זיך מיר אַ פּאַצעטעלע*), אַי ווי שעהן!
דאָ פרעג איך מיר מיין ווייבעלע, ווער דאָס פּאַצעטעלע
איז?
„דאָס איז דאָך גאָר אַ מילך־מויד פון מיין מאַמעשי!“
אַי וועה, אַ מילך־מויד מיט אזעלכע וואָנסעלעך!
אַי וועה, אַ מילך־מויד מיט אזעלכע וואָנסעלעך!

(ווארשא)

---

*) א פראנט.

11.

כ׳האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט:
אַ שניידער זאָלסטו ניט נעהמען,
אַ שניידער איז אַ גראָבער יונג, —
דער שווארץ יאָהר זאָל איהם קענען!

(ווילנא)

12.

(וואריאנט)

כ׳האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט,
און זאָג דיר נאָך עד הנה׳ן:
אז דו וועסט נעהמען אַ שניידער פאר א מאַן,
וועסטו האָבען צוקלאָגען און צוּאוויינען.
וואָס פארמאָגט אַ שניידער יונג?
אַ נאָדעל מיט אַ פינגערהוט;
און אזוי ווי דו געהסט פון אונטער דער חופּה אפהער,
שרייט דאָס ווייב: כ׳בין הונגריג!

(ווארשא)

11 Ch'hob dir gesogt, un gesogt.

כ׳האב דיר געזאגט, און געזאגט



13.

אי־אי, אי־אי !
ס'איז ביטער ווי דער טויט,
אי־אי, אי־אי !
צו זיין אן אלטע מויד.

(פוילען)

14.

הייסע טהע, קאלטע טהע,
טייגלעך מיט פאסאליעס ;
אלע שעהנע מיידלעך,
האבען מיאום'ע דאליעס.

(קיעווער גוב.)

14 Hej'sse thej, kalte thej.

הייסע טהע, קאלטע טהע

Andantino.



15.

חנה איז געזעסן
און געשטריקט אַ שאַטקע, *)
אַ בשורה האָט מען איהר אָנגעזאָגט,
אַז איהר טאָכטער איז אַ שמד'קע.

רב עליע איז געלאָפען
טיהר צו טיהר:
— מיין טאָכטער פייגעלע
איז נישטאָ ביי מיר!

רב עליע איז געלאָפען
שכנים צו שכנים:
— מיין טאָכטער פייגעלע
איז נישטאָ ביי קיינעם!

רב עליע איז געלאָפען
צום גלח א היים,
האָט ער דאָרט געטראָפען
פייגעלען שטעהן.

---

*) א געשטריקט טיכעל אָדער חייבעל.

15 Chane is gesessen ün gestrikt.

חנה איז געזעסען און געשטריקט

Moderato.



— פייגעלע, פייגעלע,
קום א היים צום טיש!
„דיר אויף צו להכעיס,
דעם שגץ א קוש.“

כ'וועל דיר געבען
קליידער און נדן,
און דערצו
א גאנץ פיינעם מאן.

„איך בין דיר מוחל
קליידער און נדן,
נאר דער שגץ
מוז זיין מיין מאן!“

— ביי מיר ביזטו געגאנגען
שיך מיט קאלאשען,
ביים שגץ נאך דער חתונה
וועסטו וועש וואשען.

ביי מיר ביזטו געגאנגען
אין א זיידען קלייד,
ביים שגץ וועסטו געהן,
אין צרות און אין לייד.

ביי מיר ביזטו געגאנגען
אין א פוטערנע בויע,
ביים שגץ וועסטו שרייען:
קאשצי קופויע!*)

*) ביינער קויף איך.

ביי מיר ביזטו געגאַנגען
אין אַ זיידענעם ראָק,
און אַז דו וועסט פּגר'ן,
וועט קלינגען דער גלאָק.

(וואַרשאַ)

16.

אי קאָרן, אי קאָרן!
קאָרן טוט מען מאָהלען,
פון קאָרן מאַכט מען ברויט;
איידער דער מענש שטאַרבט אָפּ,
ווי ביטער איז דער טויט!

דער מלאך המות, דער מלאך המות,
ער הערבט שוין אָן צו געהן,
צוקאָפּענס טוט ער שטעהן;
פון פאָרענט טראָגט מען ס'ווייבעלע ארויס,
פון הינטען קומט אַ שדכן אריין!

מען שלאָגט איהם אָן אַן אלמנה,
מען שלאָגט איהם אָן אַ גרושה,
ער הערט עס גאָר נישט צו;
מען שלאָגט איהם אָן אַ שעהן מיידעלע,
קריגט ער חשק דערצו.

די שטיפמוטער, די שטיפמוטער,
זי געהט די קינדער צוואָגען,
הערבט זי זיי אָן צו שלאָגען;
און ווען זיי געהען דעם פאָטער דערצעהלען,
טוט ער זיי ארויס יאָגען.

אָי, פאָטער! אָי, פאָטער!
וואו איז אונזער ליעבע מוטער?

16 Oi korn, Oi korn!

אי קאָרן, אי קאָרן!

Andante.



וואָס זי האָט אונז געבאָדען
אין מילך און אין פּוטער?

„אַי, קינדער! אַי, קינדער!
אלצדינג וועט איהר קריגען צו עסען;
אָן אייער טרפה'נער מוטער'ס נאָמען
זאָלט איהר שוין פארגעסען!"

אַי, פאָטער! אַי, פאָטער!
ברויט מיט זאַלץ וועלען מיר עסען,
אָן אונזער מוטער'ס כשר'ן נאָמען
וועלען מיר נישט פארגעסען!

אַי, פאָטער, אַי פאָטער!
מיר וועלען דיך נישט אָפּטרעטען!
זאָג אונז וואו אונזער מוטער ליעגט,
וועלען מיר לויפען בעטען!

(ווארשא)

17.

אַ שניידערלס אַ ווייב איז קראַנק געוואָרען,
דער מאַן גלויבט איהר ניט: —
„שטעה אויף, מיין ווייב די קינדער ווילען עסען,
און דו גיסט זיי ניט!"

די ווייב האָט זיך געמאַטערט און איז געשטאָרבען
דער מאַן גלויבט אלץ ניט: —
„שטעה אויף מיין ווייב די קינדער ווילען עסען,
און דו גיסט זיי ניט!".

(ווילנער גוב.)

17 A schnaiderl's a waib.

א שניידערל'ס א ווייב



18.

שלאָגט דער זייגער׳ל איינס:
דער יתומ׳ל ז׳געבליבען אַ קליינס.
און גאָר נישט ניט געטהאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל צוויי:
דעם יתומ׳ל טוט די קעפּעלע וועה,
און גאָר נישט ניט געטהאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל דריי:
דער יתומ׳ל איז געבליבען פאַרביי.
און גאָר נישט ניט געטהאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל פיער:
דער יתומ׳ל ליעגט מיט די פיסלעך צו דער טיהר.
און גאָר נישט ניט געטהאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל פינף:
פאַר׳ן יתומ׳ל איז שוין ניטאָ קיין הילף.
און גאָר נישט ניט געטהאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!
(דרויע, ווילנער גוב.)

18 Schlogt der sejger'l ejns.

שלאגט דער זייגער'ל איינס

Andante.



19.

אויף דיין קבר, ליעבע מוטער,
דו דארפסט שוין אליין פארשטעהן, מאמעלע,
מיט שרעק און מיט מורא און מיט גרויס ציטער
בין איך געקומען צו דיר, אי, צוגעהן!

איך בין געקומען דערצעהלען, אי וועה, מיין ביטער הארץ,
ווי עס פאסירט זיך דא מיט מיר:
די שטיפמוטער הרג'עט, אי וועה, זי שלאגט,
דער טאטע, אי, ער גיט איהר אלץ געדעכט.

מיט גאלד האסטו מיר, מאמעלע, געוואויגען,
עס איז צו מיר קיין חבר נישט געווען;
יעצט טוען מיר פרעמדע דערנעהרען,
דו ביזט דאס, מאמעלע, נישט זוכה געווען.
דארום קום צו מיר צו חלום
און ברענג א ידיעה דיין יתום,
אי וועה, דיין עלענד קינד!

(בריסק, גראדנער גוב.)

III.
וויעגען - ליעדער

1.

אונטער'ן קינד'ס וויגעלע
שטעהט א גאָלדען ציגעלע,
ס'ציגעלע איז געפאָהרען האנדלען:
ראָזשינקעס מיט מאנדלען,
ראָזשינקעס מיט פייגען —
ס'קינד וועט שלאָפען און שווייגען.

שלאָף מיר, שלאָף מיר, אין דיין רוה,
מאך די כשר'ע אויגעלעך צו,
מאך זיי צו און מאך זיי אויף,
קומט דער טאטע און וועקט דיך אויף.

טאטע, טאטע, נישט אויף־וועק!
דאָס קינד וועט שלאָפען ווייטער אוועק.
שלאָף־זשע, שלאָף, מיין טהייער קינד,
עס וועט דיר זיין צו געזונד!

(ווארשא)

2.

ליאָלקעלע מיינס,
פופקעלע פיינס,
ביזט מיין לעבען, ביזט מיר זיס!
מאך שוין צו דאָס אויגעלע דיינס,
אין בוזשקעלע גיב מיר א קוש!

(אָכאָטע, ווארשאווער גוב.)

3.

האָב איך מיר אַ אינגעלע,
זאָל ער זיין מיט יאָהרען!
איז ער אַן איין־איינציגער,
האָב איך איהם געבאָרען.

(ווילנא)

4.

אַ־ליר־ליו, שאַ־שאַ־שאַ!
די מאַמעשי איז געגאַ'נען
אין גאַס אַראָ'.

אַ־ליר־ליו, שלאָף, מיין קינד!
די מאַמעשי וועט קומען
גיך און געשווינד.

(ווארשא)

5.

כ'האָב דיך, מיין קינד, שלאָפען געלעגט,
זאָלסטו מיר שלאָפען געזונטערהייד!
געזונטערהייד זאָלסטו מיר ליעגען,
און איך וועל דיר זינגען און איך וועל דיר וויעגען.
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
דו זאָלסט מיר לעבען און זיין געזונד!

דו האָסט שוין דיינע אויגעלעך צוגעמאַכט,
ווי די שעהנע זון געהט אונטער פאַרנאַכט;
דו האָסט שוין דיינע אויגעלעך אָפען און צו,
ווי די שעהנע זון געהט אויף אין דער פריה.
שלאָף, מיין קינד, א. ז. וו.

דעם קיסר'ס אוצרות איז גאָר נישט אָפצוצאָהלען,
דאָס שעהנקייט פון מיין קינד איז גאָרניט
אָפצומאָהלען!
אזא מתנה האָט מיר גאָט געגעבען,
עס זאָל מיר וואַקסען, עס זאָל מיר לעבען!
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

דעם קיסר'ס אוצרות מיט זיין גאַנצע מלוכה,
איז דאָך ביי מיר נישט אזוי פיעל ניחה,
ווי דו ביזט ביי מיר ניחה מיט דיין ליכטיגע שיין,
אז איך קוק דיך אָן, איז די גאַנצע וועלט מיין.
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

5 Ch'hob dich, mein kind.

כ'האָב דיך, מײן קינד

Andante.



די טהייערסטע ברילִיאַנטען, די טהייערסטע אַנטיקען,
טהוען נישט אַזוי פיעל מיין הארץ דערקוויקען,
ווי דו דערקוויקסט מיין הארץ מיט דיין
חן'עוודיגען בליק,
בשעת, מיין קינד, איך טהו אויף דיר אַ קוק.
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

ווען איך טהו מיך אַ מאָל וועגען דיר פערקלערען,
דאַכט זיך מיר, איך זעה די זון מיט די שטערען;
ווען דו מיט דיין געלעכטער טהוסט צו מיר ריידען,
עפענען זיך פאר מיר די טירען פון גן עדן.
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

די טירען פון גן עדן וועלען אָפען שטעהן,
אַז איך וועל אויף יענער וועלט דארפען געהן;
דו וועסט דאָך זיין אַ פרומער און אַ גוטער,
וועט מען זאָגען: לאָזט אריין דעם צדיק'ס מוטער!
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

דיין טאַטע האָט נישט געהאלטען, וואָס גאָט
האָט געבאָטען,
וועט מען איהם אויף יענער וועלט ברענען
און בראָטען;
נאָר דו, מיין קינד, וועסט דיך טון מיהען
דעם טאַטען פון גיהנום ארויסצוציהען.
שלאָף מיין קינד, א. ז. וו.

(לובלינער גוב.)

6.

(מיטגעטיילט פון מ. גינזבורג)

אי־ליו־ליו־ליו, מיין איינציגעס קינד,
דיין מאמע וועט ניט קומען, ניט גיך און ניט געשווינד.
ניטא קיין מאמע,
ניטא קיין נחמה!

ווער וועט דיר, מיין קינד, קושען און גלעטען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, די וויעגעלע אויסבעטען?
ניטא קיין מאמע, א. ז. וו.

ווער וועט דיר, מיין קינד, פוצען און ציערען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, אין חדר אוועקפיהרען?
ניטא קיין מאמע, א. ז. וו.

דאס קינד ליעגט אין וויעגעלע און חלש'ט זויגען,
די מאמע ליעגט אויף דער ערד צוגעמאכט די אויגען.
ניטא קיין מאמע, א. ז. וו.

אז מען וועט אויספאהרען מיט שיפען פיעל ים'ען,
וועט מען ניט געפינען דיין איינציגער מאמען.
ניטא קיין מאמע, א. ז. וו.

עס האט זיך אנגעצונדען א גרויסער פייער,
אזוי ווי שטרוי אין א שייער.
ניטא קיין מאמע, א. ז. וו.

קאזשיטע מעניע נאוואיא קראמקא,
אגדיע קופיט נאוואיא מאמקא?
ניטא קיין מאמע,
ניטא קיין נחמה!

(מינסק)

7.

שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליעד:
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערען,
וועסטו וויסען אַן אונטערשיעד.

אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערען,
וועסטו ווערען מיט לייטען גלייך,
דאַמאָלס וועסטו געוואָהר ווערען,
וואָס הייסט אָרים און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצען, די טייערסטע הייזער,
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרימאַן;
נאָר ווייסטו, ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר נישט דער, נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרימאַן, ער ליעגט אין קעלער,
דער ווילגאָטש רינט איהם פון די ווענד,
דערפון בעקומט ער אַ רעמאַטען־פעהלער
אין די פיס און אין די הענד.

(ווארשא)

7 **Schluf, mein kind.**

שלאָף, מיין קינד



IV.

קינדער-ליעדער

1.
פון דער קינדער־שטוב

(108—II)

1.

שפּיץ בוידעם צו דער ערד,
אלע ווינקעלעך אויסגעקעהרט,
אלע בעטעלעך צוגעבעט,
אלע מיידעלעך צוגעלעגט.
קומט אריין דער מחותן,
דרעהט ער זיך אין מיטען;
קומט אריין די מחותנת׳טע,
גיסט זי אוים די פּאָמעניצע;
קומט אריין די כלה,
פלעכט זי צו די חלה.
כלה, כלה, דער חתן גערט,
כאַפּ אויף דיר דאס חופה קלייד!
איך טו בעטען מיט כונה,
זאלסט ניט בלייבען קיין אלמנה,
דו און דיינע מחותנים
זאלען זיך עלטערען עד מאה ועשרים שנים.
(טשימעראָוויץ, פּאָד. גוב.)

2.

(וואַריאַנט)

קומט אריין די כלה,
שמירט די געלע חלה;
די כלה איז געגאַנגען אין סאָד אריין,
דער חתן איז געגאנגען אין באָד אריין;

די כלה האָט געריסען דאָס בענדעלע,
דער חתן האָט געריסען דאָס רענדעלע;
האָבען זיי זיך אזוי לאנג געריסען,
ביז זיי האָבען זיך געטון צוקישען.

(ריטשווינז, פּלאָצקער גוב.)

3.

(וואַריאַנט)

שפּיץ בוידעם אויף דער ערד,
אלע שטיבעלעך אויסגעקעהרט,
אלע בעטלעך צוגעבעט,
אלע מיידעלעך צוגעלעגט;
קומט אריין די באָבע
אין די לאנגע שובע;
קומט אריין דער זיידע,
קושען זיי זיך ביידע.

באבעלעך מיט קליסקעלעך
האָבען זיך גענומען,
תשעה באב די חתונה —
קיינער איז ניש' געקומען.
ווער זענען געווען די טענצער?
די טיהרען מיט די פענצטער.
ווער זענען געווען דאָס קוואַטערשאַפט?
דער בעזים מיט'ן פּאָמיעסשאַפט!

(ווארשא)

4.

יאנקעלע לערנער זיצט אין שותל,
צוויי בחורים'לעך קלאפּען אן:
קלאפּט'ס, קלאפּט'ס א גאנצע נאכט,
טיהר און טויער צוגעמאַכט.
מאַמע, מאַמע די כלה געהט,
טוה דיר אן דאס חופה קלייד!
טאַטע, טאַטע, דער חתן געהט,
טוה דיר אן דעם ספּאָדיק!
וועלען מיר טאַנצען א קאַזאק.
יאָך צו דיר, דו צו מיר,
לאָמיר טאַנצען אלע פיער.
יאָך בין גראָב, דו ביזט גראָב,
לאָמיר טאַנצען האָפּ, האָפּ, האָפּ!
יאָך בין דינן, דו ביזט דינן,
לאָמיר טאַנצען ארום און ארום.
יאָך בין איידעל, דו ביזט איידעל,
לאָמיר אלע טאַנצען א רעדעל!

(ווארשא)

4 Jankele lerner sitzt in schül.

יאנקעלע לערנער זיצט אין שוהל



5.

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
אסתר ברוך תהיה;
אז דער מאַן שלאָגט דער ווייב,
רייסעןביידע קריעה.

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
ברענט דאס פייער׳ל צונטער;
כלה, הויב די פערינקע,
חתן, קריך ארונטער!

(דרויע ווילנער גוב.)

6.

(וואַריאַנט)

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
רויטע פּאַמעראַנצען, —
אז דער טאַטע שלאָגט די מאַמע,
געהן די קינדערלעך טאַנצען;
אז דער טאַטע פאָהרט אוועק,
שלאָפט די מאַמע אליין אין בעט;
אז דער טאַטע קומט צופאָהרען,
ליעגט די מאַמע א קינפּעטאָרין.

(ווארשא)

7.

(וואַריאַנט)

ציגעלע, מיגעלע, קעצען־אויגעלעך,
רויטע פּאַמעראַנצען;
ווען דער טאַטע קושט די מאַמען,
געהען די קינדערלעך טאַנצען.

(ווארשא)

8.

שיינע מיידעלע, פיינע מיידעלע,
קום רייסען באר'ן!
זעה, טאטעלע, זעה, מאמעלע,
דער אינגעלע וויל מיך נאר'ן!
נעהם א פלעקעלע, גיב'ן איבער'ן בעקעלע,
וועט ער זיך אוועקשארען.

(דרויע, ווילנער גוב.)

9.

ריגעלע, שפיעגעלע, ביי דער וואנד,
חתן־כלה ביי די האנד;
נעהמט דער חתן א גלעזעלע וויין
און שפריצט די כלה אין פנים אריין.

(דרויע, ווילנער גוב.)

10.

א זונן און א רעגען,
די כלה איז געלעגען!
וואס האט זי געהאט?
א מיידעלע.
ווי האט מען עס גערופען?
שיינדעלע.
האט מען עס צוגעדעקט
מיט א שמארצעלע
האט עס געלאזט א פאר...

(ווארשא)

11.

העי, העי, העמערעל,
קום צו מיר אין קעמערעל!
כ'וועל דיר עפּעס ווייזען,
שיסעלעך מיט רייזען,
ביער אין די קריגעלעך,
קינדער אין די וויעגעלעך,
אלטע ווייבער פאַסטען,
שרה ליעגט אין קאַסטען.

שרה, שרה, אַ רעגען געהט,
כאַפּ אריין דאָס חופה־קלייד!
איך האָב דאָך אבער מורא,
היינט איז שמחת תורה.

שמחת תורה — האָפּעניו,
מיט'ן פּוס אַ קלאַפּעניו,
מיט דעם הענטעלע דרעהט דאָס,
און אַ טענצעלע געהט דאָס.

(טשימעראוויץ, פּאָד. גוב.)

12.

קאָן וואַסער, וויך וואַסער,
דאָס רעדיל דרעהט זיך!
די מאַמע קאָכט לאָקשען,
דער טאַטע פרעהט זיך.

(ווארשא)

13.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען
פון די קליינע קינדער'ס וועגען!
אַ לעבעלע ברויט אפּצואוועגען,
אַן ארימאַן אוועקצוגעבען.

(ווילנא)

14.

די קינדער שרייען פּאַפּע,
גאָט איז אונזער טאַטע!
אבינו מלך,
דאָס הארץ איז מיר פרעהליך,
פרעהליך וועלען מיר זיין,
טרינקען וועלען מיר וויין;
וויין וועלען מיר טרינקען,
קרעפּלעך וועלען מיר עסען,
און אָן אונזער ליעבען גאָט
וועלען מיר קיינמאָל ניט פארגעסען.

(טשימעראוויץ, פּאָד. גוב.)

15.

ניש' געשלאָפען, ניש' געוואַכט,
גרויסע צרות טאָג און נאַכט,
וויין־זשע ניש', מיין רחל'שי,
וועסט נאָך זיין אַ באָבעשי!

(ווארשא)

16.

פעסעלע ביער,
פארקויטעל דיר די טיר!
לאָז ניש׳ אריין קיין פראָסטען זעלנער,
נאָר אן אָפיציער!

(ווארשא)

17.

זשידואוועטשקאָ, חאָדז נאָ בעז!
יאָ גיע פּודע, באָ שבת!

(ווארשא)

18.

עלע, מעלע, יאָסקע,
אַ שווארצע כלה האָסטע,
רויטע שיכעלעך געהט זי,
אונטער א בוימעלע שטעהט זי.
צו וואָס שטעהט זי אונטער אַ בוימעלע?
בלעטעלעך צו רייסען!
צו וואָס טויג איהר בלעטעלעך?
קיהעלעך צו שמייסען,
צו וואָס טויג איהר קיהעלעך?
מילך אפּצומעלקען.
צו וואָס טויג איהר מילך?
קינדערלעך צו געבען.
צו וואָס טויג איהר קינדערלעך?
אַ נחת צו דערלעבען!

(פּוילען)

19.

פּאַטש־זשע, פּאַטש־זשע קיכעלעך,
דער טאַטע וועט קויפן שיכעלעך,
די מאַמע וועט קויפן זעקעלעך —
יאַנקעלע וועט האָבן רויטע בעקעלעך.

(ווילנער גוב.)

20.

א הוהן און א האָהן,
די מעשה הויבט זיך אָן. —
א קלעצעל אריין, א קלעצעל ארוים —
די מעשה לאָזט זיך אוים.

(ווארשא)

21.

אמאָל איז געווען א מעשה,
א ציגעלע א ווייסע,
א קיהעלע א רויטע,
בערעלע איז א שוטה.

(ווילנא)

22.

אמאָל איז געווען א באָבאָטשקע:
האָט זי געהאָט א הינדעלע א ראַבאָטשקע,
דאָס הינדעלע האָט געלעגט אן אייעלע
איז געוואָרען צווייעלע.
הוהן אייעלע,
האָהן קרייעלע,
קאָטשקעלע פוטערל,
גאָט איז א גוטערל.

(מעזשביזש פּאָד. גוב)

23.

די מאַמע איז געגאַנגען
קוילען אַ הוהן,
האָט זי מיר געבראַכט דעם
שוחט׳ם אַ זוהן.
אָי איז דאָס אַ יינגעלע
אַ וואוילס און אַ פיינס,
גיב־זשע מיר דיין פיסקעלע
קעצעלע מיינס.

(גאַליציען)

24.

— הער נאָר צו, דו אַלטער מאַן:
וואָס טויג דיר צוועלף ווייבעלעך?
— די ערשטע קעהרט מיר דאָס שטיבעלע אויס,
די צווייטע ווארפט דאָס מיסט ארויס,
די דריטע הייצט דעם אייוועז איין,
די פערטע שטעלט אַ טעפּעלע אריין,
די פינפטע פּילט אַ שטיקעלע פיש,
די זעקסטע גרייט דעם מאַן צום טיש,
די זיעבעטע געהט אין קעלער אריין,
די אַכטע צאַפּט מיר מעד און וויין,
די ניינטע גיסט אין פלעשעל אריין,
די צעהנטע ברענגט פאר׳ן מאַן דעם וויין,
די עלפטע בעט איהם אויס דאָס בעט,
די צוועלפטע טוט דעם אַלטען אַ גלעט.

(ווארשא)

2.
שפּיעל-לידער און אבצעהל-פערזען

25.

באראבאן, באראבאן!
גלאָקען קלינגען, גלאָקען קלינגען!
וועמעס קינדערלעך פאָהרען דאָס?
דעם קיסר'ס, דעם קיסר'ס!
אין וואָס געהען זיי אנגעטאָן?
אין גאָלד און אין זילבער!
אויף וואָס טוען זיי רייטען?
אויף שאָף און אויף רינדער!
אויפ'ן אַיוועז זיצען זיי,
אונטער'ן אַיוועז שוויצען זיי,
שוועבעלעך רייבען זיי,
קאטשקעלעך פארטרייבען זיי,
אין חלשות בלייבען זיי!

(דרויע, ווילנער גוב.)

26.

אויף דעם מויער
שטעהט א פויער,
שרייט מיט טרויער:
עס ברענט! עס ברענט!
וואו ברענט?
אין וואלד!
ברענג וואסער,
לעש פייער,
בים-באָם!

(ווארשא)

27.

אַ ראָד און א ריינע,
די באָבע הייסט קריינע,
אין פיער וואַכען ארום, —
מיט'ן ת... אין דער קרום!
פיהר זי ארוים אויפ'ן מארק,
נעהם פאר איהר א פּיטאַק;
האַפּטשיק און האַפּטשאַק,
נעהם די באָבע און שטעק אין זאַק!

(טשימעראוויץ, פּאָד. גוב.)

28.

אַרש, מאַרש, פּראַוואָלי!
צוואַנציג קערבעלעך פאר א קיה.
איקס, מיקס, דריקס,
פּאַניע מיט דער ביקס!

(פּאָדאָלער גוב.)

29.

קלינג, קלאַנג, טעלעגראַם!
טעלע, ראָזע, ראָדע,
ווער ס'וויל זעהן דעם קיסר'ס טאָכטער,
איז איצט א גרויס פּאַראַדע!
איינס — שטעהן, צוויי — געהן,
לאָמיר אַלע געהן זעהן!

(ווארשא)

30.

טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאָנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאָהר ארום
דרעהט זיך שרה ארום!

שרה האָט זיך ארומגעדרעהט,
חיה האָט זיך דעם קאָפּ פארדרעהט!
טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאָנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאהר ארום
דרעהט זיך חנה ארום!

חנה האָט זיך ארומגעדרעהט,
ביילע האָט זיך דעם קאָפּ פארדרעהט.
טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאָנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאהר ארום
דרעהט זיך יענטע ארום!

(וואַרשא)

30 Treti, Treti, Treti.

טרעטי, טרעטי, טרעטי



31.

וואָרום ביזטו פאַרטגעלאָפּען,
האָסט דיך נישט באַמעלט ?
יעצט מוזטו שמיץ באַקומען
אויפ׳ן פרייען פעלד — אַרויס !

(וואַרשאַ)

32.

איינס, צוויי, דריי,
יודע, יודע, לאַי,
האַקעם, באַקעם,
בענדזשע לאַקעם,
שערעלע, פּערעלע,
באַק, צאַק !
קויאַוואַנאַ, קאַפּאַטאַנאַ
איזאַלאַטאַ ביז קאַפּאַטאַ,
ברעש !

(פּאַדאָלער גוב.)

33.

גאָלדענע שויבען,
גאָלדענע רינגען,
דעם קיסר׳ס טאָכטער
האָט דאָס געזונגען.
ווי דער בעהעלפער האָט דאָס דערהערט,
האָט ער זיך געזעצט אויפ׳ן בעסטען פערד.
מינטשע, מינטשע, זיי מיר געזונד !
גרים מיר דאָרט דאָס בעסטע קינד !

(וואַרשאַ)

34.

יאַנקעל פּאַיאַץ,
סימע טאַליע,
ראָווע, ראָווע, פּאַיאַץ.
טאַנץ א קאַזאַקעל,
האָפּ א וואַלעץ,
עטנא צעטנא באָם,
יאַנקעל דודל קאָם!

35.

אל מלך,
קאַטשקע דריילעך,
מיר אן עפּעל,
דיר א צעפּעל!
מיר אן אָפּ,
דיר א צאָפּ!

(וואַרשא)

36.

מצה זו,
פּרעה׳ס קוה,
משה׳ס פערד,
ליעגעןביידע טיעף אין דר׳ערד.

(פּאָדאָלער גוב.)

37.

איינס — א ניסעל,
צוויי — א צווילינג,
דריי — מזומן,
פיער — רעדער,
פינף — פינגער,
זעקס — קינדער,
זיעבען — געקליעבען,
אכט — געטראכט,
ניין — גראד,
צעהען — געזעהן,
עלף — א פגר,
צוועלף — א זייגער,
דרייצעהן — בייטשען,
פערצעהן — שערצען,
פופצעהן גראשען איז
א האלבער גילדען.

(ווארשא)

38.

איצקע, פיצקע, פאהר מיר קיין דאנץ,
ברענג מיר א פידעלע
און שפיעל מיר א טאנץ!
טאנצעוואטע העבט די יאקע,
נא ציבולע פאסטערנאקע.

(ווארשא)

39.

מאשע, מאשע ברוגז!
טאכטערשי, וואס טויג עס?
צוויי שעפעלעך מיט בלוט,
כ׳וועל שוין נישט זיין מיט דיר גוט.
צוויי שעפעלעך מיט ליים,
כ׳וועל מיט דיר נישט געהן.

(קוטנע)

40.

אוויר זשאוויר,
שטינקט אן אויר,
לאמירביידע ווערען חבר.
ריגעלע, ריגעלע רוגז,
זענען מיר געווארען ברוגז;
ריגעלע, ריגעלע ריק,
זענען מיר חבר צוריק!

(סמאטריטש, פאד. גוב.)

41.

איינס צוויי א, עלעף עלעף א,
עלעף, עלעף, עלעף, עלעף, עלעף,
ווער עס קען צוואנציג צעהלען
צוואנציג איז דא דא.

(ווילנא)

42.

אָי, אונזערע פוילען,
זענען אנגעגען יידען!
אָי, אונזערע פעלדער
זענען פערגאָסען מיט בלוט.
הויבט מען אָן ארום צו יאָגען,
הויבט מען אָן ארום צו פלאגען,
דאלי אויף די פערד,
דאלי צום געוועהר!
איינס, צוויי, דרײַ —
מאכען מיר פליטה אראָ! *)

(ווארשא)

*) ארייז.

42 Oi, üns're poilen.

אוי, אונזערע פוילען



3.

שפּאַס און שפּאַט־ליעדער

43.

סטודענט! סטודענט!
די הויזען צוטרענט
די שטיוועל צוריסען,
אין ת... אריינגעשמיסען!
(ווארשא)

44.

געשמיסענער ת...
מיט צוויי ברכות,
מיט צוויי לאַטעס,
מיט צוויי שמאַטעס!
אַ חופּה געשטעלט,
אַ חופּה געריסען,
משה׳ן אין ת... אריינגעשמיסען!
(ווארשא)

45.

א מאָל איז געוועזען אַ מעשה:
אַ ציגעלע אַ ווייסע,
עפּעלע בער,
גילדענע שעער,
די שעער איז געפלויגען
און האָט זיך געבויגען,
איז עס פערפלויגען אין יאַטקע,
האָט עס געכאַפּט אַ שטיק מאַרך,
און האָט באשמירט משה׳ן דעם פאַרך.
(טשימעראוויטש, פאָד. גוב.)

46.

קאַצקעס סווימען, קאַצקעס סווימען*),
ווען וועט מיין געליעבטער קימען?
ניט היינט און ניט מאָרגען,
ווער דערסטיקט און ווער דערוואָרגען!
(ווילנא)

47.

העי, העי, העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל!
איך וועל דיר עפּעס ווייזען —
שיכעלעך פון אייזען,
א פּאָר פערד יאָגען זיך
חתן־כלה שלאָגען זיך.
די כלה האָט געהאַט א ייגגעלע,
האָט'ן עס גערופען — משה'לע,
האָט'ן עס געוויעגט אין שויסעלע;
האָט'ן עס געוויעגט אין וויעגעלע,
האָט מען עס באַגראָבען אין גריבעלע.
(ברעסט־ליטאָווסק, גראָד. גוב.)

48.

איצקע, פּיצקע, נאָדעל־טעסעל,
געה אין קראָם און גנב'ע א פלעשעל;
געה אין שול און גנב'ע א סידור,
געה אויפ'ן גאַס און פאַל אנידער!
(ווילנא)

---

*) קאַטשקעס שווימען.

49.

עבדים היינו,
א וואָגען מיט הינער
משה דער גרינער,
פרעה דער שווארצער,
יתרו דער פּאַר...

(סמאַטריטש, פּאָר. גוב.)

50.

ליטוואַק, חזיר, צו־צו־צו!
לאָיג דיך אין דר'ערד אראָן,
ליו־ליו־ליו!
ציקערל'עך איז בעסער,
שטעק דיך מיט א מעסער!

(ווארשא)

51.

שאָיע, מאָיע, עפּעלע,
אַ רוח אין דיין קעפּעלע!
שאָיע, מאָיע, אַפּ,
אַ רוח אין דיין קאָפּ!

(ווארשא)

52.

יאנקעלע מיינער,
שווארצער ציגיינער!
וואו ביזטו געלעגען?
אונטער די וויצקעס.
וואס האסטו געזויגען?
חזיר'שע ציצקעס.

(ווילנא)

53.

אי, דו שייגעץ,
מענדעלע שקאץ,
שקאץ מענדעלע,
זאקען בענדעלע,
בענדעלע זאק,
קישקע באק,
באק קישקע,
טעלער ווישקע,
ווישקע טעלער,
בוידעם קעלער,
קעלער בוידעם,
חיריק שלום,
שלום חיריק,
געלט גביריש,
גביריש געלט,
עולם — וועלט,
וועלט — עולם,
מרדכי גולם!

(טשימעראוויץ, פאד. גוב.)

54.

העי, העי, שאַלאַטען,
כ׳האָב א זיסען טאַטען!
האָט ער געגעסען לאָקשען,
האָט ער זיך פארדאָרבען,
איז ער שיעור געשטארבען.

(ווארשא)

55.

שעהן ביזטו,
א פידעל האָסטו,
שפיעלען קאָנסטו
זעהר שעהן;
ליידיג געהסטו,
משוגע ווערסטו,
איז א בראָך צו דיר אליין.

(ווארשא)

56.

יאקעל מיט׳ן פיעדעל
בערל מיט׳ן באַס,
שפיעל־זשע מיר א ליעד׳ל
אויפ׳ן מיטען גאַס.

(פאָד. גוב.)

57.

בעלפער, זלאפאץ,
קאך די קניידלעך,
זיי א כפרה
פאר אלע מיידלעך!

בעלפער זלאפאץ,
קאך די לונגען,
זיי א כפרה
פאר אלע יונגען!

(ווארשא)

58.

ס'איז פרייטיג, ס'איז פרייטיג,
דער ת... איז צייטיג!
ליגט אייך אויף די קניה,
וועל איך א שמייסען אהן מיה.

(ווילנא)

59.

בלינדער טשארט,
האלבע קווארט,
אין דעם קלויסטער
איז דיין ארט!

(ווילנא)

60.

אונזער גאָט זיצט אין הימעל
און גיט צו עסען ברויט מיט קימעל;
זייער גאָט שטעהט אין פעלד
און האָט אַ מכה, נישט קיין געלד.

(נאראיאָוו, גאליציען)

61.

מ׳האָט מיר נעכטען אויסגעמאקעלט
אויף דער מאָקלעניצע,
בין איך היינט אנטלאָפען
אויף דער טארגאָוויצע.

(גאליציע)

62.

בין איך געפאָהרען קיין אדעס
אויף דער מאָלדאָוואנקע,
כ׳האָב געטאַנצט א פּאָלאָניעז,
מיט אַ שארלאָטאַנקע!

(פּאָדאָליער גוב.)

62 Bin ich gefuhren kein Odess.

בין איך געפאהרען קיין אדעס



63.

אויפ'ן קוימען ליעגט א גראצער
ווע'מאר קאָכען קניידלעך,
ווע'מאר פאָהרען קיין פּאָמאָרען
ווע'מאר קושען מיידלעך.

(נאָראיאוו, גאליציען)

64.

אוי ווער, איז מיר געשעהן,
מיט א מיידעל איז גוט צו געהן;
נישט ביי טאָג, אָי נאָר ביי נאכט,
ווען אלע טויערן זענען צוגעמאכט.

(נאָראיאוו, גאליציען)

65.

ס'איז דיר קאַלט,
קריך אין וואַלד.
אין וואַלד איז קיהל,
געה אין מיהל.
אין מיהל איז ליידיג,
קוש א פריידיג!
אין פריידיג קוש,
כאפּ פיש,
פיש כאפּ,
קורע לאפּ,
לאפּ קורע,
פּעצאלוי מי ו'דזשורע!

(דינאָוו, גאליציען)

66.

אין דער היים איז נישטאָ קיין גריץ,
אָבי די שיכעלעך אויסגעפּיצט.
אויף דעם לייב איז נישטאָ קיין העמד,
אבי די הערעלעך שיין פארקעמט.

(וואַרשאַ)

67.

זונטאָג — בולבע,
מאָנטאָג — בולבע,
דינסטאָג — בולבע,
מיטוואָך — בולבע,
דאָנערסטאָג — בולבע,
פרייטאָג — בולבע,
שבת אין אנאָווינע —
א בולבע - קוגעל!
זונטאָג — ווייטער בולבע!

(ווילנא)

68.

אויף דעם וואסער,
שווימט א מעסער,
און דאָס מעסער שווימט קיין דאַנץ; *)
דאָרט שטעהט א מיידעל
און הויבט דאָס קליידעל,
און זי קען נישט געהן צום טאַנץ.

אוי, דעם דאָקטאָר,
ווערה, דעם דאָקטאָר,
וואָס פאר א האָר דאָס איז!
געלט צו נעהמען,
נישט צו קענען,
וואָס פאר א צער דאָס איז!

(לובלין)

*) דאַנציג.

68 Ojf dem wasser.

אויף דעם וואסער

Moderato.



Ojf dem was - ser, Schwimt a mes - ser,



Ün dus mes - ser schwimt kain Danz; Dort



stait a mai - d'l Ün haibt dus klai - d'l,



Ün sie ken nischt gain züm tanz.

4.

ליעדער פון חדר

69.

אלף — אברהם'עלע,
בית — בערעלע,
גימל — גע'גנב'ט,
הא — העקעלע,
וו — וואָסערע?
זין — זילבערנע.
חית — חאַפּט איהם,
טית — טאַפּט איהם,
יוד — יאָגט איהם,
למד — ליגט איהם,
שין — שמייסט איהם,
תו — אין ת... אריין.

(ווארשא)

70.

(מיטגעטיילט פון י. גיביאנסקי)

אלע פייגעלאך טוען שאלען,
אלע הימעלאך טוען קנאַלען,
מיין ברודער, דיין ברודער,
יוסף פּארפּאלען, יוסף פּאָרפּאלען!

(קוזניצע, גראדנער גוב.)

71.

איך בין דער אלטער מאַן יעקב
מיט זיינע צוועלף זיהנען,
איך האָב געררייזט די וועלט,
אהער און אהינען.

(קוזניצע, גראדנער גוב.)

72.

(מיטגעטיילט פון יעקב דינעזאהן)

אלף — א אדלער טוט אונטערן הימעל פליהען,
בית — א בארן־בוים טוט אלע זומער בליהען,
גימל — א גלח טוט זיך צו דער עבודה זרה קניען,
דלת — א דאקטאר טוט געבען אויף שוויצען,
הא — א הימעל טוט אלע זומער דונערן און בליצען,
וו — א וויינער טוט אויף די פעסלעך וויין זיצען,
זין — א זעלנער טוט אין דער מלחמה שיסען,
חית — א חזן טוט זיך ביים דאווענען מיט טרעהרען באגיסען,
טית — א טייך טוט לויפען און פליסען,
יוד — א יאטקע קלאץ מע טוט אויף איהר פלייש האקען,
כף — א כלה טוט מען פאר איהר לעקעך באקען,
למד — א לעבער טוט מען בראטען און באקען,
מם — א מיידעל טוט זיך פוצען און ציערען,
נון — א נאז טוט מען אלע ווינטער אפפריהרען,
סמך—א סאד טוט מען אין איהם אלע זומער געהן שפאצירען,
עין — א עקדיש טוט אין די פיס בייסען,
פה — א פויער וואס דער פריץ טוט איהם שמייסען,
צדיק — א צאהן טוט דער דאקטאר ארויסרייסען,
קוף — א קאכלעפעל טוט דעם טאפ אויסמישען,
ריש — א רב טוט אלע דינים ווייסען,
שין — א שייגעץ טוט פון קיין אלף ניט ווייסען
תו — א (ת) טאטער אין הימעל האבען מיר א פאטער
ווען וועלען מיר שוין ווערען פון גלות פטור?

73.

— יעמד רב יהודה!
— יאָ ניע פודע!
— דלאָ טשעגאָ טי ניע פודזשעם?
— באָ יאָ ניע אומיעם.
— דלאָ טשעגאָ טי ניע אומיעש?
— באָ איצעץ מניע ניע אוטשיל.
— דלאָ טשעגאָ צי ניע אוטשיל?
באָ אָן סאַם קרענק אומיאל!

(וואַרשא)

74.

משה מורשה אויף יענער וועלט,
ווארף מיר אַראָפּ א זעקעלע געלט!
צו וואָס טויג דיר א זעקעלע געלט?
צו קויפען א פערד און וועגעלע!
צו וואָס טויג דיר א פערד און וועגעלע?
שטיינדעלעך צו פיהרען!
צי וואָס טויג דיר שטיינדעלעך?
אויפצומויערן א בית המדרש'על!
צי וואָס טויג דיר א בית המדרש'על?
אריינצוטרעטען,
און גאָט צו בעטען!

(וואַרשא)

73 Jaamod Reb Jehude!

יעמוד רב יהודה!



75.

אדם, פאדעם, פינגערהוט,
דרייסיג פויערים שטעהן אין הוט.
וועלכע, וועלכע זענען זיי?
ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר,
זבלון, בנימן, דן, נפתלי, גד ואשר.
בין איך מיר געגאנגען אויף א דערוווישקע,
האָב איך געפונען א ווייכע קלישקע,
בין איך געגאנ'ען אויף רבילעס אָרט,
האָב איך געפונען א פּאָר ניסלעך דאָרט.

(ווארשא)

76.

ויתן לך — קיין געלט איז ניטאָ,
מתל השמים — ס'איז ניטאָ וואו צו לייען,
ומשמני הארץ — די געלט איז ביים פּריץ!
(ווילנא)

77.

רבי, ס'איז נישטאָ קיין בייגעל,
רבי, ס'איז נישטאָ קיין קיי־קיי־קייז!
נאָט אייך אָפּ דעם זעקסער,
זייט נישט אויף מיר ביי־ביי־בייז!

(ווארשא)

77 Rebe s'is nischtu kain baig'l.

רבי ס'איז נישטאָ קיין בייגעל

Moderato.



Re - be, s'is nisch - tu kain bai - g'l,



Re - be, s'is nisch-tu kain kej - kej - kejs!



Nat ach up dem seks - ser,



Sat nischt oif mir bej - bej - bejs!

78.

אלה תולדת נח,
פון בראנפען קריגט מען כח,
א גלעזעלע ווײַן איז דער עיקר,
פון בראנפען ווערט מען שכור.
אב איז א פאטער,
קדר איז א טאַטער,
א טאַטער איז קדר,
בגדים זענען קליידער,
קליידער זענען בגדים,
רויט איז אדום,
אדום איז רויט,
לחם איז ברויט,
ברויט איז לחם,
טראכט הייסט רחם,
רחם איז טראכט,
שמונה איז אכט,
אכט איז שמונה,
א טויב הייסט יונה,
יונה איז א טויב,
מצנפת איז א הויב,
א הויב איז מצנפת,
א שטאַל הייסט רפת,
רפת איז א שטאַל,
מרה איז א גאַל,

78 Aile toildois Noiach.

אלה תולדת נח

Moderato.



א גאָל הייסט מרה,
אַ קוה הייסט פרה,
פרה איז אַ קוה,
בקר אין דער פריה,
אין דער פריה איז בקר,
טייער הייסט יוקר,
יוקר איז טייער,
אש איז פייער,
פייער איז אש,
בשר איז פליש,
פליש איז בשר,
חזיר איז אסור,
אסור איז חזיר,
מים איז וואַסער,
וואַסער איז מים,
לאָמיר ביידע טרינקען לחיים!

(וואַרשאַ)

79.

שיקט דער האר אַ פייערל אין וואַלד אַריין,
אַ פייערל אין וואַלד אַריין,
ער זאָל די בארעלאַך רייסען;
פייערל וויל ניט די בארעלאַך רייסען,
בארעלאַך ווילען ניט פאַלען
בארעלאַך ווילען ניט פאַלען.

(גראָדנער גוב.)

79 Schikt der Har a paier'l.

שיקט דער האר א פויערל

Moderato.



80.

צוויי ברידער, צוויי ברידער,
אונטער איין דאך;
איינער איז אן ארימער,
דער אנדערער איז רייך.

דער רייכער ברודער האט געמאכט
א באל פאר די גאנצע שטאדט,
דעם ארימען ברודער
האט ער אפגעזאגט.

דער ארימער ברודער קומט צוגעהן,
זאגט ער: „ברודער, דו ליעב, ברודער דו מיין,
אפשר קענסטו מיר געבען
א שטיקעלע ברויט מיט וויין?“

— „ווי קען איך דיר געבען
א שטיקעלע ברויט מיט וויין,
אז פון דיר שטינקט,
ווי פון א שוויין?“

עס געהט ניט אויס קיין וואך,
און צוויי און דריי,
קומען צוויי מלאכים
צום ארימען ברודער אריין.

80 Zwej brüder.

צוויי ברידער

Allegro.



„רב משה איהר ליעב,
רב משה איהר מיין!
ערסט מוזט איהר מיט אונז
אויף יענער וועלט געהן!“

„מלאכים איהר ליעב,
מלאכים איהר מיין,
וואו וועל איך לאזען
מיין ווייב און קינד שטעהן?“

„ווייב און קינד
לאזט מען שטעהן,
אז צוויי מלאכים רופען,
מוז מען געהן!“

זיי פיהרען איהם, זיי פיהרען איהם
פארביי גיהנם טיהר,
לויפען ארויס צוויי מלאכי חבלים
און מאכען צו די טיהר.

זיי פיהרען איהם, זיי פיהרען איהם
פארביי גן עדן טיהר,
פליהען ארויס צוויי מלאכים
און מאכען אויף די טיהר:

„ברוך הבא, ברוך הבא!
רב משה דער ארימאן איז דא!“

„רב משה, רב משה,
וואס האט איהר פאר א גוט'ס
אויף דער וועלט געטאן?“

„עבירות און גזלות
האָב איך יע געטאָן,
מצוות און צדקות
האָב איך ניט געטאָן!“

„רב משה, רב משה,
איהר זאָגט דאָך אַלץ פאַרקעהרט!
איהר זאָגט דאָך אַלץ פאַרקעהרט!

עבירות און גזלות
האָט איהר ניט געטאָן,
מצוות און צדקות
האָט איהר יע געטאָן!

דערפאַר קומט אייך צו זיצען אויבען־אָן,
אין גאָלד און אין זילבער אָנגעטאָן;
גאָלדענע ספרים אויף דעם טיש,
און א גאָלדענעם ביינקעלע אונטער די פיס“.

עס געהט ניט אוים קיין וואָך,
און צוויי און דריי,
קומט דער ארימער ברודער
צום רייכען אריין.

„ברודער דו ליעב,
ברודער דו מיין,
ערסט מוזטו מיט מיר
אויף יענער וועלט געהן!“

„ברודער דו ליעב,
ברודער דו מיין!
וואו וועל איך לאָזען
מיין גאָלד און זילבער שטעהן?“

„גאָלד און זילבער
לאָזט מען שטעהן,
אז מען רופט צום משפט,
מוז מען געהן!“

פיהרט מען איהם, פיהרט מען איהם
פארביי גן עדן טיהר,
לויפען ארוים מלאכים
און מאַכען צו די טיהר.

פיהרט מען איהם, פיהרט מען איהם
פארביי גיהנם טיהר,
לויפען ארוים מלאכי חבלים
און מאַכען אויף די טיהר:

„ברוך הבא, ברוך הבא!
רב שלמה, דער רייכער מאַן, איז דאָ!“

„רב שלמה, רב שלמה,
וואָס האָסטו אויף דער וועלט
פאר אַ גוט'ס געטאָן?“

„עבירות און גזלות
האָב איך ניט געטאָן,
מצוות און צדקות
האָב איך יע געטאָן“.

„רב שלמה, רב שלמה,
דו זאגסט דאָך אַלץ פאַרקעהרט!
דו זאגסט דאָך אַלץ פאַרקעהרט!

עבירות און גזלות
האָסטו יע געטאָן,
מצוות און צדקות
האָסטו ניט געטאָן!

דערפאַר קומט דיר צו זיצען אונטער'ן האָהן,
אין פעך און אין שוועבעל אָנגעטאָן;
פון פייערדיגע ריטער איז דיין טיש,
א פייערדיגען ביינקעל אונטער דיינע פיס!"

(גראָדנער גוב.)

V.
רעטעניש-ליעדער

(164—11)

1.

(מיטגעטיילט פון רחל סאשטשין)

דו מיידעלע — דו פיינס, דו מיידעלע — דו שיינס,
כ׳וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואו זענען דאָ בענק אָהן טיש?
וואו איז דאָ וואַסער אָהן פיש?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאַפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
אין באָד זענען דאָ בענק אָהן טיש,
אין מקוה איז דאָ וואַסער אָהן פיש.

דו מיידעלע — דו פיינס, דו מיידעלע — דו שיינס,
כ׳וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואו איז דאָ וואַסער אָהן זאַמד?
וואו איז דאָ אַ מלך אָהן אַ לאַנד?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאַפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
דאָס וואַסער פון אויג איז אָהן זאַמד,
דער מלך אין קאָרטען איז אָהן אַ לאַנד.

דו מיידעלע — דו פיינס, דו מיידעלע — דו שיינס,
כ׳וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואָס פליהט אָהן פליגעל?
וואָס איז געמויערט אָהן ציגעל?

1 Du mejdele du fains.

דו מיידעלע דו פיינס



דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאָפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
שנעע פליהט דאָך אָהן פליגעל,
דער פראָסט איז געמויערט אָהן ציגעל.

דו מיידעלע — דו פיינס, דו מיידעלע — דו שיינס,
כ׳וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואָס איז רויטער פון אַ פלאָם?
וואָס איז געטרייער פון אַ מאַן?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאָפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
די פאַן איז רויטער פון אַ פלאָם,
און אַ טאַטע איז געטרייער פון אַ מאַן.

דו מיידעלע — דו פיינס, דו מיידעלע — דו שיינס,
כ׳וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואָס איז העכער פון דעם לייב?
און וואָס איז געטרייער פון אַ ווייב?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאָפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
דאָס הארץ איז העכער פון דעם לייב,
און אַ מאַמע איז געטרייער פון אַ ווייב.

(טשימעראָוויץ, פּאָדאָלער גוב.)

2.

(וואַריאַנט)

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע, וואָס איך וועל דיך פרעגען,
דו זאָלסט מיר אויף אַלעמען אַן אַנטוואָרט געבען:
וואו איז פערהאַנען אַ וואַסער אָהן אַ פיש?
וואו איז פערהאַנען אַ שטוב אָהן אַ טיש?

2 Hör nor, dü schain maidele.

הער נאָר דו שעהן מיידעלע



דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דאָס וואַסער אין ברונעם האָט קיין פיש,
אַ ליידיגע שטוב האָט קיין טיש.

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע, וואָס איך וועל דיך פרעגען,
דו זאָלסט מיר אויף אַלעם אַן אַנטוואָרט געבען:
וואו איז פערהאַנען אַ מלך אָהן אַ לאַנד?
וואו איז פערהאַנען אַ וואַסער אָהן אַ זאַמד?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דער מלך אין קאָרט האָט קיין לאַנד,
דאָס וואַסער פון די אויגען האָט קיין זאַמד.

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע, וואָס איך וועל דיך פרעגען,
דו זאָלסט מיר אויף אַלעם אַן אַנטוואָרט געבען:
וועלכעס איז העכער פאַר דעם הויז?
וועלכעס איז פלינקער פאַר די מויז?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דער קוימען איז העכער פאַר דעם הויז,
די קאַץ איז פלינקער פאַר די מויז.

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע, וואָס איך וועל דיך פרעגען,
דו זאָלסט מיר אויף אַלעם אַן אַנטוואָרט געבען:
וואו איז פערהאַנען אַ שניידער אָהן אַ שעער?
וואו איז פערהאַנען אַ זעלנער אָהן געוועהר?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
אַ טויטער שניידער האָט קיין שער,
אַן אויסגעדיענטער זעלנער האָט קיין געוועהר.

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע, וואָס איך וועל דיך פרעגען,
דו זאָלסט מיר אויף אַלעם אַן אַנטוואָרט געבען:
וועלכעס איז טיעפער פאַר די קוואַל?
וועלכעס איז ביטערער פאַר די גאַל?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראַפּ,
דו האָסט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דער ים איז טיעפער פאַר די קוואַל,
דער טויט איז ביטערער פאַר די גאַל.

(וואַרשא)

3.

וועלכעס איז דאָס שעהנסטע פון דער וועלט?
אַ שעהנער וואַלד.
וואַלד פון דער וועלט, טאַם־טי־דערעַם,
טאַם־טי־דעראַ, טאַם־טי־דעראַם! טאַם טערי דעראַם!

וועלכעס איז שעהנער פון דעם וואַלד?
אַ שעהנער בוים.
בוים פון דעם וואַלד,
וואַלד פון דער וועלט, א. ז. וו.

וועלכעס איז שעהנער פון דעם בוים?
אַ שעהנער צווייג.
צווייג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואַלד, א. ז. וו.

וועלכעס איז שעהנער פון דעם צווייג?
אַ גרינע בלאַט.
בלאַט פון דעם צווייג,
צווייג פון דעם בוים, א. ז. וו.

וועלכעס איז שעהנער פון דער בלאַט?
אַ שעהנע באַרנע.
באַרנע פון דעם בלאַט,
בלאַט פון דעם צווייג, א. ז. וו.

3 Welches is dus schönste?

וועלכעס איז דאָס שעהנסטע ?



װעלכעס איז שענער פֿון דער בארנע?
א שענער עפּעל.
עפּעל פֿון דער בארנע,
בארנע פֿון דעם בלאט, א. ז. װ.

װעלכעס איז שענער פֿון דעם עפּעל?
א שענער בחור.
בחור פֿון דעם עפּעל,
עפּעל פֿון דער בארנע, א. ז. װ.

װעלכעס איז שענער פֿון דעם בחור?
א שענע מײדעל.
מײדעל פֿון דעם בחור,
בחור פֿון דעם עפּעל,
עפּעל פֿון דער בארנע,
בארנע פֿון דעם בלאט,
בלאט פֿון דעם צװײג,
צװײג פֿון דעם בױם,
בױם פֿון דעם װאלד,
װאלד פֿון דער װעלט,
טאם־טערי־דעראם!

(װארשא)

4.

(מיטגעטיילט פון י. סענטער)

איך געה מיר ארוים אין גאס,
דערזעה איך מיר א דאמע־מויד·
כ׳וואלט דאך צו איהר וועלען ריידען,
קען איך צו איהר ניט גרייכען·

טא וואר־זשע קריגט מען א גוטען פריינדעלע,
דאס הארץ אויסצודערצעהלען?
טא וואר־זשע קריגט מען א גוטען דאקטארעל,
די וואונדען אויסצוהיילען?

„נעהם ארוים א בער פון וואלד
און לערען איהם אוים שרייבען, —
אט א דענסטמאלט, אט א דענסטמאלט
קען איך דיינע בלייבען“·

א בער פון וואלד וועל איך דיר ארויסנעהמען
און וועל איהם אויסלערנען שרייבען,
טא האב־זשע מיר זיעבען קינדערלעך
און א מיידכען זאלסטו בלייבען·

„זיעבען קינדערלעך וועל איך דיר האבען
און א מעדכען וועל איך בלייבען·
טא מאך־זשע מיר זיעבען וויעגעלעך,
אהן מעסערס און אהן געצייגען“·

זיעבען וויעגעלעך וועל איך דיר מאַכען,
אַהן מעסערס און אַהן געצייגען.
טאָ נעה־זשע מיר אויף זיעבען העמדעלעך
אַהן נאָדלען און אַהן זיידען.

„זיעבען העמדעלעך וועל איך דיר אויפנעהען
אַהן נאָדלען און אַהן זיידען;
טאָ קלייב־זשע מיר אוים אַלע פישעלעך פון ים,
קיין איינע זאָל ניט בלייבען".

אַלע פישעלעך פון ים וועל איך דיר אויסקלייבען,
קיין איינע וועט ניט בלייבען;
טאָ מאַך־זשע מיר דיעזען לייטער'ל
צום הימעל זאָל איך שטייגען.

„אַ לייטער'ל וועל איך דיר מאַכען,
צום הימעל וועסטו שטייגען.
איך בין קלוג און דו ביזט אויך ניט נאַריש
און לאָמיר ביידע שווייגען".

(שאצק, מינסקער גוב.)

VI.
סאָלדאַטען־ליעדער

1.

ווי אומגליקליך בין איך געבוירען,
מיינע צרות האָבען גאָר קיין גרונט!
איך האָב געמיינט, אז איך בין שוין פארלאָרען,
אז איך דארף געהן דיענען דעם קיסר אצינד.

אזוי ווי איך בין אין פראגע *) צום לאָסס ארויסגעקומען
האָט זיך די נאַטשאַלסטוואָ געטאָן ביי מיר מיהען:
זיי האָבען מיך צום רעדעל צוגעשטעלט,
דעם פינסטערען נומער ארויסצוציהען.

אזוי ווי איך האָב דעם נומער ארויסגעצויגען,
האָב איך געמיינט, אז איך בין שוין לויז פון דעם
פאראד;
צום סוף זאָגט די נאַטשאַלסטוואָ: פאר אונז טוסטו
טויגען,
גאָדיען, דו ביזט א סאָלדאַט!

אזוי ווי מיין מוטער האָט דאָס דערהערט,
אז איך טו פאר זייערטוועגען טויגען,
חלשות איז זי געפאלען צו דער ערד,
צום הימעל האָט זי אויפגעהויבען די אויגען:

*) א פארשטעדטעל ביי ווארשא.

— רבונו של עולם, צו קען דאָס זיין וואָהר,
צו קען עס דען גאָר אמת זיין:
אז מיין זוהן פון איין און צוואַנציג יאָהר
זאָל גאָר א זעלנער זיין?

עס האָט נישט געהאָלפען איהרע טרעהרען,
און איהר יאָמערליך געוויין,
מסתמא האָט אין הימעל געמוזט נגזר ווערען
אז איך זאָל א זעלנער זיין.

(ווארשא)

2.

אז איך בין אַלט געווען דריי יאָהר,
האָט מיר די מאַמע אין חדר אריין געפיהרט;
היינט אז איך בין אַלט געוואָרען איין און צוואַנציג יאָהר,
בין איך שוין אסענטירט.

וויינט'ס יידען טאַקע אַלע,
פערגיסט'ס טרעהרען מיט א גרוים געשריי,
פרעגטס ביי גאָט א שאלה,
פאַר וואָס עס קומט אונז אזוי?!

(גאליציען)

3.

פאַניע דיענען איז זעהר ביטער,
אין סאָלדאַטען איז זעהר שלעכט;
אַז יאָך דערמאָן מיך אָן פאַניע דיענען,
שלאָף יאָך נישט גאַנצע נעכט.

גאַנצע נעכט שלאָף יאָך ניש',
אויף מיינע אויגען קומט קיין שלאָף;
דאָס האָט דאָך מיר קיין מענש געטון,
דאָס איז דאָך נאָר פון גאָט אַ שטראָף!

(וואַרשאַ)

3

Fonie dienen.

פאָניע דיענען

Moderato.



4.

פיהרט מען מיך אריין אין דעם ערשטען חדר,
הייסט מען מיר אויסטאָן די אידישע קליידער.
ווי גרוים איז מיין פיין,
וואָס קען מיר ערגער זיין!
ווי גרוים איז מיין פיין,
א זעלנער מוז איך זיין!

(ווילנא)

4 Führt men mich arain.

פיהרט מען מיך אריין

Allegro.



Führt men mich a - rain in dem er - sten chejder,



Hejst men mir ois - ton die i - dische klejder. Wie



grois is main pain, Wos ken mir er - ger sain! Wie



grois is main pain, A sel- ner mus ich sain!

5.

צווישען טאָהל און בארג טהוט מען אונז פארטרייבען,
מען טרייבט אונז קיין אַמור אוועק;
ווי אזוי וועלען מיר אריבער דעם דניעסער?
מען טרייבט אונז קיין אַמור אוועק!

פערבלייב מיר געזונד מיין טרייער פאָטער,
מען טרייבט מיך קיין אַמור אוועק!
דו וועסט גאָט דאנקען, וואָס דו וועדסט פון מיך פּטור,
מען טרייבט מיך קיין אַמור אוועק!

פערבלייב מיר געזונד, מיין געטרייע מוטער,
מען טרייבט מיך קיין אַמור אוועק!
מיר איז דאָך פינצטער און דיר איז ביטער,
מען טרייבט מיך קיין אַמור אוועק!

(פּאָדאָלער גוב.)

6.

הונגעריג און שלעפעריג און קיין גאנצען ביסען,
שטעה איך יעצט אין דעם פּאחאַד;
פערוויסט און פערפינצטערט און אויסגעריסען,
שוין צוויי חדשים אַקוראַט.

אַי, ווי דערלעב איך די צייט צו קומען צווישען לייט,
איך זאָל שוין ניט מעהר זיין נע ונד;
איך וואָלט אויפגעהויבען מיינע הענד וויוואַט,
און וואָלט געדאַנקט דעם לעבעדיגען גאָט!

(פאַראַלער נוב)

7.

פרייטאג אין דער פריה באקט מען די חלות,
אי, ווער, געוואלד!
מען נעהמט שוין צו די חתנים פון די כלות,
אי, ווער, געוואלד!

פרייטאג צו נאכט מאכט מען קידוש,
אי, ווער, געוואלד!
מען קומט צו לויפען אויף פאניעס חידוש,
אי, ווער, געוואלד!

שבת אין דער פריה עסט מען פיש,
אי, ווער, געוואלד!
מען נעהמט שוין צו די מענער פונ'ם טיש,
אי, ווער, געוואלד!

שבת צו נאכט מאכט מען הבדלה,
אי, ווער, געוואלד!
מען קומט צו לויפען אויף פאניע'ס מפלה,
אי, ווער, געוואלד!

(ווארשא)

7 Fraitig in der früh.

פרייטאג אין דער פריח

Andante.



Frai-tig in der früh bakt men die cha - les,



Oj, waj, gewald! Men nejmt schoin zü die cha-



ssa - nim vün die ka - les,



Oj, waj, gewald! Men nejmt schoin zü die cha -



ssanim vün die ka - les, oj, waj, gewald!

8.

פיהרט מען מיך אריין
אין דעם ערשטען צימער,
מען זאָגט מיר אָן א בשורה:
כ'האָב געצויגען א קליינעם נומער.
און אַך, און אז וועה איז צו מיינע יאָהר,
אז איך בין אַלט געוואָרען
איין און צוואַנציג יאָהר!

פיהרט מען מיך אריין
אין דעם ערשטען חדר,
הייסט מען מיר אויסטאָן
די וואָילנע קליידער.
און אַך, און וועה, א. ז. וו.

פיהרט מען מיך אריין
אין דעם צווייטען חדר,
גיט מען מיר דאָס ביקסעלע
אויף פינף יאָהר כסדר.
און אַך, און וועה, א. ז. וו.

פיהרט מען מיך ארויס
אויף דער הינטער־טהיר,
שטעהען א פאָלק סאָלדאטען
און ווארטען שוין אויף מיר.
און אַך, און וועה, א. ז. וו.

8 Führt men mich arain.

פיהרט מען מיך אריין



פיהרט מען מיך ארוים
אויף די הינטערסטע טרעפ;
שטעהען מיינע עלטערען
אראפ־געלאזט די קעפ.
און אך, און וועה, א. ז. וו.

זיי־זשע מיר געזינד,
מיין ליעבע מוטער!
אזוי ווי דיר איז פינצטער,
אזוי איז מיר ביטער.
און אך, און וועה, א. ז. וו.

זיי־זשע מיר געזינד,
מיין ליעבער פאטער!
דו וועדסט דאך מיך איצטער
אויף פינף יאהר פטור.
און אך, און וועה, א. ז. וו.

זייט־זשע מיר געזינד,
מיינע ליעבע שוועסטער און ברידער!
אזוי ווי איהר זעהט מיך איצטער,
זאלט איהר ניט מאכען קיין שום גערידער.
און אך, און וועה, א. ז. וו.

זייט־זשע מיר געזינד,
מיינע ליעבע פריינד!
אזוי ווי איהר זעהט מיך איצטער
בין איך אויף פינף יאהר גאראנט.
און אך, און וועה, א. ז. וו.

זיי־זשע מיר געזינד,
מיין ליעבע כלה!
נאָך דיר וועל איך בענקען
מעהר ווי נאָך אלע!
און אָך, און וועה,
איז צו מיינע יאָהר,
פאַרוואָס איך בין אַלט געוואָרען
איין און צוואַנציג יאָהר!

(אָרעס)

9.

פרייטאג פארנאכט,
זיץ איך מיר פארטראכט,
איך קלעהר שוין צו קבלת שבת געהן;
פלוצלונג גיט מען מיר א דערלאנג —
איך דארף שוין אויף פאווערקע צו שטעהן.

וואס קענען מיר העלפען, וואס קענען מיר מאכען,
מיר זיינען אין גוי'אישע הענט;
אי וועה, ברידער, מיר זיינען סאלדאטען,
מיר האבען פערשפיעלט אונזער וועלט!

אז מיר זיינען אויף די מאניעוורעס געגאנגען
האט מען אונז געיאגט ווי די פערד,
און אז מיר זיינען פון די מאניעוורעס געקומען,
זיינען מיר געווען שווארץ ווי די ערד.
וואס קענען מיר העלפען, א. ז. וו.

(ווארשא)

9

Fraitig farnacht.

פרייטאג פארנאכט



10.

וואס ביזטו, מיין זוהן אזוי פארזארגט?
פאטער און מוטער, כ'האב געקראגען א ראפארט —
אין מלחמה צו געהן.

אך און וועה איז צו מיינע יונגע יאהרען,
אז איך מוז פארלאזען פאטער און מוטער
אין מיינע יונגע יאהרען!

פאטער און מוטער, שוועסטער און ברידער,
ווינשט מיר גליק, —
איך וויים נישט, ווען איך וועל קומען צוריק!

אך און וועה, מיר זיינען פארלארען,
בעסער וואלטען מיר נישט ווערען געבארען!

שבת און יום טוב געהען אידען אין שוהל אריין,
און מיר געהען מיט ביקסען און שווערדען אין
מלחמה אריין.

אך און וועה, א. ז. וו.

האט מען ארויסגעהאנגען דעם רויטען פלאג,
האט זיך אנגעפאנגען דער גרויסער שלאג.
אך און וועה, א. ז .וו.

קומט דער פאלקאווניק אויף דעם פלאץ:
— הערט׳ס נאר, ברידער, האט׳ס נישט קיין מורא,
שפיעלט׳ס מיר אפ א שעהנעם מארש!
אך און וועה, א. ז. וו.

זיינען מיר געפאהרען אויפ׳ן שווארצען ים,
האט מען פערלוירען אונזער פאטער׳ס און מוטער׳ס
לאנד.
אך און וועה, א. ז. וו.

איז אונז דער שונא אנטקעגען געקומען,
האט ער אונז געפייניגט און אין פלען אריינגענומען.
אך און וועה, א. ז. וו.

האט מען ארויסגעהאנגען דעם ווייסען פלאג,
איז אונז געקומען א פרייד אין הארץ.

— גוט־מארגען, מיין פאטער און מוטער!
— אך, מיין זוהן, וואו האסטו דיין לינקע האנד?

— איך בין געוועזען אין מלחמה אין א וויסטע לאנד,
איך בין געפאהרען אין א שיף אויפ׳ן שווארצען ים,
האט מען מיר אפגעשאסען מיין לינקע האנד,
דארום דאנק איך גאט פאר מיין רעכטע האנד!

(פוילען)

11.

(מיטגעטיילט פון י. רייז)

אז איך בין אלט געווען מיינע נייען יאָהר,
האָב איך אָנגעהויבען צו געהן אין חדר, אָי וועה!
היינט אז איך בין אלט איין און צוואַנציג יאָהר,
מוז איך שוין געהן אין קירישע קליידער.

אז איך בין אלט געוואָרען מיינע דרייצעהן יאָהר,
האָב איך אָנגעהויבען תפלין צו לייגען, אָי וועה!
היינט אז איך בין אלט איין און צוואנציג יאָהר,
מוז איך שוין פאָרווערטס נייגען!

אז איך בין אלט געוואָרען מיינע זיעבעצעהן יאָהר,
בין איך מיר געווען א דינסטליכער קומי, אָי וועה!
היינט אז איך בין אלט איין און צוואַנציג יאָהר,
מוז איך שוין געהן אין דער צעהנטער קאָמפּאני.

אז איך בין אלט געוואָרען מיינע אַכטצעהן יאָהר,
בין איך אַ חתן געוואָרען, אָי וועה!
היינט אז איך בין אלט איין און צוואנציג יאָהר,
בין איך א זעלנער געוואָרען.

(נאראיאָוו, גאליציען)

12.

אָי פלאגט איך, פלאָגערלעך פלאגט איך,*)
פלאגט איך א ביסעלע צו ;
די ערשטע קלאס, אָי געהט שוין,
די צווייטע רוקט שוין צו.

אין סטאַניסלאוו איז געווען אַ שחיטה, —
מען נעהמט און מען קוילעט אָפּ
פערציג אסענטירטע
און דרייסיג געהען אויף סוב.

(נאראיאָוו, גאליציען)

*) פלאָגערס, הייסען די יעניגע וואָס פלאָגען זיך און נעהמען אן אפּמאָגערונגס־קור פאר'ן פריזיוו.

13.

לאמיר אוועקלייגען אלע זאכען,
לאמיר זיך נעהמען צו דער אלף:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ליגט אויף איהם דער חלף.

לאמיר אוועקלייגען די אלף,
לאמיר זיך נעהמען צו דער בית:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט איהם קאלט און היים.

לאמיר אוועקלייגען די בית,
לאמיר זיך נעהמען צו דער גימל:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט א רעש אין הימעל.

לאמיר אוועקלייגען די גימל,
לאמיר זיך נעהמען צו דער דלת:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט א גרוים געוואלד.

לאמיר אוועקלייגען דעם דלת,
לאמיר זיך נעהמען צו דער הא:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט איהם ווינד און ווער.

13 Lomir aweklaigen ale sachen.

לאָמיר אוועקלייגען אלע זאכען



לאָמיר אוועקלייגען, א. ז. וו.
לאָמיר זיך נעהמען צו דער וו:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
קומט אויף איהם גאָט'ס שטראָף.

לאָמיר אוועקלייגען, א. ז. וו.
לאָמיר זיך נעהמען צו דער זין:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט ער אַ ירא שמים.

לאָמיר אוועקלייגען, א. ז. וו.
לאָמיר זיך נעהמען צו דער חית:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט ער טויט ווי א מת.

לאָמיר אוועקלייגען, א. ז. וו.
לאָמיר זיך נעהמען צו דער יוד:
אז מען פיהרט א יידעלע צו דער אסענטירינג
ווערט ער שוואך און מיעד.

(גאַליציען)

14.

ווי עך בין נאָר צו דער רעוויזיע געקומען,
און האָב דאָס קאָנסול נאָר דערזעהען, —
ווי אַ קדחת האָט עס מעך געטון צו־נעהמען,
עך בין אליין געבליעבען שטעהען.
היינט בעטראכט'ס מיר נאָר:
צו פערלירען די שעהנסטע דריי יאָהר,

און דערצו נאָך אזוי פּרעזיקורירט צו זיין;
וואָס האָב עך דערפון,
ווען עך קוק מעך ארום,
חיים עך אלץ זשידאַן?

ווי עך בין נאָר צו דער קאָנשעטראַרי געקומען
און האָב דאָס קאָנסול נאָר דערזעהן,
ווי א קדחת האָט עס מעך געטון צו־נעהמען,
עך בין אליין געבליעבען שטעהן.
היינט אז וועה איז צו מיר,
די שעהנסטע דריי יאָהר צו פערליערען!
און ווען איך קוק מעך ארום, —
טוט מען מעך צו מאַנעוורער פיהרען.

צו מאַנעוורער טוט מען מעך פיהרען,
פרוי און קינדער איבער צו לאָזען,
זיי מוזען נעבעך שטיל שווייגען.
היינט בעטראַכט׳ס מיר נאָר:
צו פערליערען די יונגסטע דריי יאָהר,
און דערצו נאָך אזוי פּרעזיקורירט צו זיין;
וואָס האָב עך דערפון,
ווען עך קוק מעך ארום,
חיים עך אלץ זשידאַן!

(יאססי, רומעניען)

15.

וויין ניש׳, וויין ניש׳ כלה,
רייס ניש׳ פון קאָפּ דיינע האָאר!
דער קיסר נעהמט דאָך מיר צו
מעהר ניש׳ ווי אויף דריי יאָהר!....

(ווארשא)

16.

ער: איך אויף אַ שיפּעלע,
דו אויף א לאָדקע,
איך אַ סאָלדאט,
דו א סאָלדאטקע.

זי: איך אויף אַ שיפּעלע,
דו אויף א לאָדקע;
איך אַ שעהן מיידעלע,
דו א סוחאָטקע.

(ברעסט-ליטאָווסק)

15 Wain nisch', wain nisch' kale.

וויין ניש', וויין ניש' כלה



VII.

ארבייטער־ליעדער

(204—II)

1.

העב איך מיך אויף,
עס איי שוין זעקס דער זייגער;
גיב איך אַ קוק אין שפּיעגעלע,
דאָס פּנים איז ווי אַ פּגר!
אָך, דו ליעבער גאָט,
זאָג־זשע שוין אליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר אַ שניידערין צו זיין!

העב איך מיך אויף,
דער האָהן גיט אַ קרעה;
דאָס האַרץ איז מיר טרוקען,
ס'איז נישטאָ קיין גלעזעל טעה!
אָך, דו ליעבער גאָט, א. ז. וו.

געה איך צו דער ארבעט
נישט מיט גרויס אַחאָטע,
קום איך אריין אין ווארקשטאַט,
מאַכט מען מעך צו בלאָטע.
אָך, דו ליעבער גאָט, א. ז. וו.

נעהם איך מיר צו דער אַרבעט,
די מאַדאַם ליעגט נאָך אין בעט,
גיט זי א געשריי:
וואָס קומסטו אזוי שפּעט!
אָך, דו ליעבער גאָט, א. ז. וו.

1 Haib ich mich of.

הויב איך מיך אויף



איך אַרבעט אַפּ דעם ווינטער,
דאָס פּנים איז מיר חשך;
געה געלט מאַהנען,
זאָג מען צו אויף פּסח.
אָך, דו ליעבער גאָט, א. ז. וו.

קומט מיין מאמע נאָך געלט,
שטעהט זי ביי דער טיהר,
גיט מען א געשריי:
נישטאָ קיין געלט פאר איהר!
אָך, דו, ליעבער גאָט, א. ז. וו.

אָך, דו ליעבער גאָט,
האָב אויף מיר רחמנות!
כ'וועל פּטור ווערען דאָס שניידעריי,
פאַסט איך אַ תענית!
אָך, דו ליעבער גאָט,
זאָג זשע שוין אליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפּענונג,
נאר אַ שניידערין צו זיין!

(ווארשא)

2.

איידער איך לעג מיך שלאָפען,
דארף איך שוין אויפשטעהן,
מיט מיינע קראנקע ביינער
צו דער אַרבעט געהן.

צו גאָט וועל איך וויינען,
מיט אַ גרויס געוויין:
צי וואָס בין איך געבוירען
אַ נייטאָרין צו זיין!

2 Aider ich laig mich schlufen.

איידער איך לעג מיך שלאָפען



כ'קום שפעט צו דער ארבעט,
ס'איז ווייט דער וועג!
שלאָגט מען מיר אָפּ
פאר האַלבע טעג.
צו גאָט, א. ז. וו.

נאָדלען ווערען צובראָכען,
פּיפּצעהן אַ מינוט,
די פינגער ווערען צושטאָכען —
ס'רינט פון אונז דאָס בלוט.
צו גאָט, א, ז. וו.

קיין שום ארבעט איז אזוי נישט שלעכט,
ס'קען אזוי נישט שאַטען,
נאָר פון אונזער שווערע ארבעט
קריגען מיר רעמאַטען.
צו גאָט, א. ז. וו.

יעדער מענטש קען וויסען,
ווער עס האָט נאָר געפיהל,
דעם ביטערן טעם,
צו מאַכען דעם ציעל.
צו גאָט, א. ז. וו.

איך לייד שטענדיג הונגער,
כ'האָב נישט וואָס צו עסען,
וויל איך געלט בעטען,
הייסט מען מיר פארגעסען.
צו גאָט וועל איך וויינען,
מיט א גרויס געוויין:
צו וואָס בין איך געבוירען
אַ נייטאָרין צו זיין! (ווארשא)

3.

עס האָט מיך פארגלוסט א פוהרמאַן צו זיין,
פארזעצט מיינע אלע משכנות. —
מיין ווייב און קינדער זיצען אין דער היים
און פאַסטען אַפּ אַ תענית.
און איך ציה, און איך שלעפּ,
און איך שריי: וויאָ! וויאָ!
עס איז מיר שוין טרוקען אין האלז
צו שרייען: וויאָ־וויאָ־וויאָ!

איך בין ארויסגעפאָהרען פון דער היים,
פון הינטען איז געזעסען א דייטש;
איך האָב געגעבען א ציה ביי דער לייץ,
בין איך געבליעבען ביי דער בלויזער בייטש.
און איך ציה, א. ז. וו.

איך בין ארויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט
מיט צוויי פּאָאר פערד אין דער ברייט,
איך בין געקומען אין מיטען וועג,
האָבען זיך די פערד מיט דעם וואגען צו־שיידט.
און איך ציה, א. ז. וו.

דער משרת, דער משוגע׳נער, ער זאָגט:
איך בין שכור, כ׳בין נישט גוט געפאָהרען;
ווער עס האָט מיך פאר א פוהרמאַן געמאכט,
זאָל נישט אויסלעבען די יאָהרען!
און איך ציה, און איך שלעפּ,
און איך שריי: וויאָ! וויאָ!
עס איז מיר שוין טרוקען אין האלז
צו שרייען: וויאָ־וויאָ־וויאָ!

(ווארשא)

4.

בין איך מיר א שניידער'ל,
א נאָדיל קען איך ניט האַלטען אין האַנד!
שטעל איך מיר ארוים א וויוויעסקע,
אז איך פּרעס געוואַנט.
פרעגט, וואָס קען איך?
טידיל־דידיל־דאַם!
אז איך פּרעס — פאַרברען איך!
טידיל־דידיל־דאַם!
האָט ניט קיין פאַראיב'ל,
האָט ניט קיין פאַראיב'ל,
טידיל־דידיל־דידיל־דידיל־דאַם!

(ווילנער גוב.)

4 Bin ich mir a schnaider'l.

בין איך מיר א שניידער׳ל

Allegretto.



VIII.
פורים־ליעדער

(214—11)

1.

I.

מאַכט'ס אויף, מאַכט'ס אויף! *)
לאָזט מיך אריין, לאָזט מיך אריין!
ווייסט איהר ווער עס קען דאָס זיין?
המלך הכבוד — די גאַנצע וועלט!
היינט איז פורים, מע' געהט פארשטעלט.

II.

א גיטען פורים, א גיטען פורים זאָל אייך גאָט
גענבען,
פין היינט איבער א יאָהר זאָל'ן מיר אין פריי־
דען דערלעבען!
הערט'ס אוים, קינדער אין די וויעגען!
דער בעל הבית מיט'ן קאַמאַרניק געהען זיך
שטעלען קריעגען:

III.

מיר קענען די בעלי־הבית'טע פון פאר־א־יאָהרען,
האָבען מיר גאָר נישט גענומען;
האָבען מיר דערלעבט דאָס הייעריגע יאָהר,
זענען מיר ווידער געקומען.

---

*) ווען דער פורים־שפּיעלער קומט צום טיהר, קלאַפּט ער אָן און זינגט, נאָך פון דרויסען שטעהענדיג, די ערשטע סטראָפע.

1 Macht's of, macht's of!

מאכט'ס אויף, מאכט'ס אויף!




ois, kin-der in die wie-gen! Der Ba-le-
bus mi-t'n ko-mor-nik gain sech ste-len krie-gen:
Moderato.
(III)
Mir ke-nen die bal-bus-te vün far a-juh-ren,
Ho-ben mir gur nischt ge-nü-men; Ho-ben mir der lejbt dus
ha-je-ri-ge juhr, Se-nen mir wi-der ge kü-men.
Schejnkt's a ne-du-we, schejnkt's a ne-du-we,
Oich a-mul dem zwai-ten, Mir gai-en a-rüm


gelt var - die - nen Oif pai - ssech un - zü - grai - ten.
Nejm jach mir a - rup dejm hüt in gi - chen Ün
warf a - ran a pü - ter - kü ch'n, Dejm pü - ter - kü-chen zü -
recht ge-macht. Get's gelt, wel jach su- gen a gü-te nacht!

Moderato. (IV)


Pa - nie bom, pa - nie bom, Ot - we - raj- cie wo - rek,
Wo - rek ot - we - raj - cie Pa - ry - gro - sze
daj - cie! Hot mir Gott a - rain - ge - bracht,
Get's gelt wel ich su - gen a gü - te nacht!

שענקט'ס א נדבה, שענקט'ס א נדבה,
אויך אמאל דעם צווייטען,
מיר געהען ארום געלט פארדיענען
אויף פסח אן־צי־גרייטען.

נעהם יאך מיר אראפ דעם הוט אין גיכען
אוןווארף אריין א פוטער־קיכען,
דעם פוטער־קיכען צירעכט געמאכט, —
געט'ס געלט, וועל איך זאגען א גוטע נאכט!

VI.

פאניע באם, פאניע באם,
אטוויעראיטשע ווארעק,
ווארעק אטווערשאיטשע
פארע גראשע דאיטשע!
האט מיך גאט אריינגעבראכט, —
געט'ס געלט, וועל איך זאגען א גוטע נאכט!

(ווארשא)

2.

א גיטען פורים, א גיטען פורים, מיינע
ליעבע גבירים!
היינט האבען מיר יום הפורים,
וועט עטץ הערען די גרויסע וואונדער,
ווי גאט האט געהאלפען זיינע יודישע קינדער:
המן איז געוועזען שולדיג
אחשורוש'ן א חוב,
האט ער איהם געזאגט,

2 A güten pirim, a güten pirim.

א גיטען פורים, א גיטען פורים



די תליה איז אויפ'ן חויף.
זינגען מיר, לויבען מיר:
שושנת יעקב!
זינגען מיר, לויבען מיר:
שושנת יעקב!

המן האָט זיך געזעצט שפּיעלען
מיט אחשורוש'ן אַ שאָך,
האָט מען געוואָרפען גורל
אויף איפּטע וואָך. *)
זינגען מיר, א. ז. וו.

פאַרפלוכט זאָל ווערען המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל ווערען מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענשטש זאָל זיין די מלכה,
וואָס האָט געהייסען אסתר!
זינגען מיר, א. ז. וו.

קום יאך אריין צושפּרינגען
אויף אַ פּיסעלע לויז,
הייב יאך אָן צו זינגען,
דער דלות איז מיר גרויס.
זינגען מיר, לויבען מיר:
שושנת יעקב!
זינגען מיר, לויבען מיר:
שושנת יעקב!

(וואַרשא)

---

*) אויף די אנדערע וואך.

3.

א גיטען פורים, א גיטען פורים, מיינע ליעבע לייט!
כ'וועל ענק, דערצעהלען, וואס פורים בעטייט:
דער הייליגער פורים איז אנגעקומען,
האט מען מיך אין הימעל ארויפגענומען.
מע' האט מיך געזעצט אויבען אן
און מע' האט מיר גרוים כבוד אנגעטאן.

תארצייטענס זיינען געוועזען בעהעלפערס מיט בערדלעך,
זיי זענען געזעסען און געשפיעלט אין קערטלעך,
אי, דער גראשען קימט אן גאנץ שווערלעך!

הערט'ס אוים, רבותי, כ'וועל אייך פרעגען א חידה:
פאר וואס פורים צו דער סעודה
איז א מנהג מקדמונים,
אז מען טיילט געלט ארימע אביונים?

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי הצדיק, אסתר'ס פעטער,
איז געוועזען ביים קיסר א סעקרעטער;
דורך מרדכי'ם תפלה און אסתר'ם בקשה
האט מען געהאנגען המן הרשע.
המן האט געוואלט אויסראטען אלע יידען,
זאל אין איהם זיין בליט קאכען און זידען,
א כפרה המן פאר אלע יידען!

4.

א גוטען פורים, א גוטען פורים, מיינע ליעבע לייט!
איך וועל אייך זאָגען וואָס פורים בעטייט:
פורים בעטייט צו נעמען א ווייב.
א ווייב, א ווייב האָב איך גענומען,
נאָר זי איז מיר נישט וואויל באַקומען.

מיינע שבתים, מיינע יום־טובים
האָט זי פארשטערט,
זינט איך האָב מיין ווייב דערקענט,
ליעגט מיר מיין פנים אין דער ערד.

הערט'ס אוים, איהר ליעבע גבירים,
היינט האָבען מיר יום הפורים.
זאָלט איהר נישט זיין אין מרה שחורה,
מען דארף זיך פרייען ווי אין שמחת תורה!

וועט איהר דאָך פרעגען, וואָס איז די גדולה?
קיקט'ס אריין, זייט מוחל, אין די הייליגע מגילה,
וועט איהר זעהן די גרויסע וואונדער
וואָס גאָט האָט געהאָלפען די יידישע קינדער.

שעהנע רויזען שמעקען וואונדער,
דאָס מיינט מען יעקב'ס קינדער;
אלע בענאַנד האָבען זיי געזעהן
די נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט געשעהן.

5.

הײנט איז פּורים
מאָרגען איז אוים. —
געט׳ס מיר א קרעפּ׳ל
און װארפט׳ס מיך ארוים!

(װארשא)

6.

אַ גוטען פּורים אויף אלע פיער זײטען,
דער זײדע איז געקומען מיט די באָבען צו רײטען;
האָט זיך די באבע דערשראָקען
און האָט זיך אָנגעכאפּט אָן פלאָקען.

(דינאָװ, גאליציען)

7.

בעל־הבית׳טע לעבען, כ׳האָב ליעב צו נאַשען,
כ׳האָב ליעב צו נאַשען,
געב אריין די המן־טאַשען!
המן־טאַשען איז זעהר גוט,
איידער בראָנפען — איז אָקעווויט.

אָקעווויט איז גאָר נישט טייער, גאָר נישט טייער,
אַ האַלב קוואַטיר׳ל קאָסט אַ דרייער;
טויש־זשע איבער דאָס פּאַפּיר׳ל
און ברענג אריין אַ האַלב קוואַטיר׳ל!

(וואַרשא)

7 Balebuste lejben.

בעל־הבית'טע לעבען



8.

אַ גוטען פורים מלאך !
וואו איך געה — פאַל עך.
די באָרד איז מיר לאַנג,
דאָס ווייב איז מיר קראַנק ;
נעהמט דער טאַטע אַ פייער־טאָפּ
און מאַכט די מאַמען אַ לאָך אין קאָפּ.
זאָגען די קינדעליך : אָי־אָי־אָי !
זאָגט דער טאַטע : גוט אַזוי !

(ווארשא)

9.

— אדוני קעניג, כ'וועל דיר עפּעס בעטען:
לאָז מיר אויף די יידעלעך א ביסעל טרעטען.

— „המן, המן געה אַ היים,
טו מיט די יידעלאַך, וואָס דו ווילסט אליין!"

אזוי ווי המן האָט דאָס דערהערט,
האָט ער זיך געזעצט אויף דעם בעסטען פערד.

אזוי ווי מרדכי האָט דאָס דערהערט,
האָט ער זיך אָנגעטון א זעקעלע מיט ערד.

המן האָט געוואָרפען אויף מרדכי'ן אן אייגעל,
היינט ליעגט ער אין דר'ערד און באַקט בייגעל.

המן האָט געוואָלט די יידען ארום־יאָגען,
האָבען זיי איהם צוריק־געשלאָגען.

(ווארשא)

10.

אזוי ווי עס קומט דער הייליגער פורים,
פארגעסען די ווייבעלעך אָן זייערע יסורים;
זיי מיינען עס איז אזוי ווי פארצייטען,
זיי טוען אויף די פארטיכער ארום־רייטען.
זיי טוען לעקען און נאשען,
און קלעפען די המן־טאשען,
און מיט א גרויסע גדולה
לויפען זיי הערען די מגילה.

דער מאן קומט אהיים פון שוהל:
גוט יום טוב, מיין ווייב, גיב מיר א שטוהל!
ענטפערט זי איהם: דו ביזט מיר דער עיקר,
אהיים צו־קומען פורים שיכור.
אזוי ווי ער האט דאס דערהערט,
האט ער געווארפען די קרעפלעך אויף דר׳ערד.
פארשטערט איז געווארען די גדולה,
אין דעם איז אלץ שולדיג די מגילה.

דאס ווייב קומט אהיים מיט א גרויסע גדולה:
גוט יום טוב, מיין מאן, כ׳האב שוין געהערט די מגילה!
ענטפערט ער איהר גאר:
דו זאלסט נישט דערלעבען איבער א יאהר!

10 Asoi wie es kümt.

אזוי ווי עס קומט

Moderato.



די המן־טאַשען זיינען געוואָרען פאַרברענט,
די קרעפּלעך האָט מען שוין גאָר נישט דערקענט.
פאַרשטערט איז געוואָרען די גדולה,
אין דעם איז אַלץ שולדיג די מגילה.

דער קליינער שטעהט אויף מיט א גרוים געוויין,
ער וויל מיט'ן גרעגער אין שוהל אריין געהן.
— שאַ, וואָס האָסטו זיך אַזוי צו־וויינט,
מ'האָט דאָך שוין די מגילה אָפּגעלייענט!
אפילו מיט די קרעפּלעך נעהמט מען איהם נישט
אַיין,
ער וויל מיט'ן גרעגער אין שוהל אריין געהן.
פאַרשטערט איז געוואָרען די גדולה,
אין דעם איז אַלץ שולדיג די מגילה.

שלח מנות האָט געקריגען דער קליינער שמער'ל:
צוקערלעך, ביקעלעך און א גאָלדען שעהר'ל;
ציקערלעך, ביקעלעך און גאָלע שליימוויזען
טראָגט שמער'ל אין קעשענע פון זיינע הויזען.
דער רבי האָט איהם אָן א זייט אוועקגענאַרט
און האָט פון איהם דאָס שלח מנות אויסגענאַרט.
פאַרשטערט איז געוואָרען די גדולה,
און אַלץ צוליעב דער מגילה.

(וואַרשאַ)

IX.

רעליגיעזע ליעדער

1.

אלף — דער ערשטער,
בית — דער בעסטער,
גימל — דער גרעסטער.

דאַוונען, דאַוונען, דאַוונען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז אונזער וועלט,
אונזער לעבען איז צוקער־זים!

האַרען, האַרען, האַרען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז א. ז. וו.

ווײַנען, ווײַנען, ווײַנען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז א. ז. וו.

זמירות, זמירות זינגען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז א. ז. וו.

טלית און תפֿילין לייגען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז א. ז. וו.

יידען, יידען זענען מיר אונז,
דוד המלך האָפֿען מיר אונז,
וואַיל איז אונז אונזער וועלט,
אונזער לעבען איז צוקער־זים!

(מלאַווע, פּלאָצקער גוב.)

1 Dawnen, dawnen.

דאוונען, דאוונען



2.

לאָ אמות כי אחיה,
אָך דאָמניע, דאָמניע!*)
ואספּר מעשה יה,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

אומעריאַט ניע כאַטשו, זשיט כאַטשו,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
יאָ דאָ באָגאָ, פּאָכוואַל אָטדאַיו,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

איך וויל ניט שטאַרבען, איך וויל נאָר לעבען,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
איך וויל צו גאָט אַ שבח אָפּגעבען,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

יסור יסרני יה,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
ולמות לאָ נתנני,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

קאָראַי מניע באָך טשעם קאַראַי,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

---

*) האָרר.

2 Loi Omus ki echjeh.

לא אמות כי אחיה



טאָלקאָ סמיערט מניע ניע דאוואי,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

שטראָף מיך גאָט מיט וואָס דו ווילסט,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
אָבי צום טויט גיב מיך נישט,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

פיתחו לי שערי צדק,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
אבוא בם אודה יה,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

אָטוואָריטע מיניע דווערא אט ראַיו,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
יאָ דאָ באָגאָ פאָכוואל אטדאיו,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

עפענט מיר אויף די טהירען פון גן עדן,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
איך וויל צו גאָט אַ שבח אָפּגעבען,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

זה השער לה׳,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
צדיקים יבואו בו,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

עטאָ דווערא גדיע באָך סאָם,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

כטאָ זאסלוזשיט בודיעט טאָם,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

דאָס איז דער טויער פון גאָט,
אָך דאָמניע, דאָמניע!
נאָר צדיקים קומען דאָרט,
אָך דאָמניע, דאָמניע!

(סמאטריטש, פאָד. גוב.)

8.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך אמונה דאָ, דאָרט איז דאָך אמונה דאָ,
האדרת והאמונה — לחי עולמים. (בים)

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך ברכה דאָ, דאָרט איז דאָך ברכה דאָ,
הבינה והברכה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך גדולה דאָ, דאָרט איז דאָך גדולה דאָ,
הגאוה והגדולה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך דבור דאָ, דאָרט איז דאָך דבור דאָ,
הדעה והדבור — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך הדר דאָ, דאָרט איז דאָך הדר דאָ,
ההוד וההדר — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך ותיקות דאָ, דאָרט איז דאָך ותיקות דאָ,
הועד והותיקות — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך זוהר דאָ, דאָרט איז דאָך זוהר דאָ,
הזיו והזוהר — לחי עולמים.

8 Dort ün dort.

דארט און דארט

Andante.



דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך חוסן דאָ, דאָרט איז דאָך חוסן דאָ,
החיל והחוסן — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך טוהר דאָ, דאָרט איז דאָך טוהר דאָ,
הטכס והטוהר — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך יראה דאָ, דאָרט איז דאָך יראה דאָ,
היחוד והיראה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך כבוד דאָ, דאָרט איז דאָך כבוד דאָ,
הכתר והכבוד — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך לקח דאָ, דאָרט איז דאָך לקח דאָ,
הלקח והלבוב — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך ממשלה דאָ, דאָרט איז דאָך ממשלה דאָ,
המלוכה והממשלה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך נצח דאָ, דאָרט איז דאָך נצח דאָ,
הנוי והנצח — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך סגוי דאָ, דאָרט איז דאָך סגוי דאָ,
הסגוי והשגב — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך ענוה דאָ, דאָרט איז דאָך ענוה דאָ,
העוז והענוה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך פּאר דאָ, דאָרט איז דאָך פּאר דאָ,
הפדות והפאר — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך צדק דאָ, דאָרט איז דאָך צדק דאָ,
הצבי והצדק — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך קדושה דאָ, דאָרט איז דאָך קדושה דאָ,
הקריאה והקדושה — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך רוממות דאָ, דאָרט איז דאָך רוממות דאָ,
הרון והרוממות — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך שבח דאָ, דאָרט איז דאָך שבח דאָ,
השיר והשבח — לחי עולמים.

דאָרט און דאָרט וואו אונזער הייליגער רבי איז דאָ,
דאָרט איז דאָך תפארת דאָ, דאָרט איז דאָך תפארת-דאָ,
התהלה והתפארת — לחי עולמים.

(דראזשנע, פּאָדאָלער גוב.)

4.

ישמח משה, ישמח משה,
ישמח משה במתנת חלקו.
ווי האָט מען איהם גערופען?
כי עבד נאמן, כי עבד נאמן,
כי עבד נאמן קראת לו.
וואָס האָט מען איהם געגעבען?
כליל תפארת, כליל תפארת,
כליל תפארת בראשו נתת לו.
וואו איז ער געשטאַנען?
בעמדו לפנך, בעמדו לפנך,
בעמדו לפנך על הר סיני.
וואָס האָט ער מיט זיך געבראַכט?
ושני לוחות אבנים, ושני לוחות אבנים,
ושני לוחות אבנים הוריד בידו.
וואָס שטעהט אין זיי געשריעבען?
וכתוב בהם, וכתוב בהם,
וכתוב בהם שמירת שבת.

(פּאָדאָלער גוב.)

5.

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
וואָס װעלען מיר עסען אויף דער סעודה, אַי!
וואָס װעלען מיר עסען אויף דער סעודה?
„שור הבר מיט׳ן לויתן, שור הבר מיט׳ן לויתן!
שור הבר מיט׳ן לויתן װעלען מיר עסען אויף
דער סעודה, אַי!"

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן װעלען מיר עסען,
וואָס־זשע װעלען מיר טרינקען אויף דער סעודה, אַי!
וואָס װעלען מיר טרינקען אויף דער סעודה?
„יין המשומר, יין המשומר!
יין המשומר װעלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן װעלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אַי!"

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
יין המשומר װעלען מיר אויך טרינקען,
װער־זשע װעט אונז שפּיעלען אויף דער סעודה, אַי!
װער װעט אונז שפּיעלען אויף דער סעודה?
„דוד המלך, דוד המלך!
דוד המלך װעט אונז שפּיעלען,
יין המשומר װעלען מיר טרינקען, א. ז. װ.

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
דוד המלך וועט אונז אויך שפּיעלען,
ווער־זשע וועט אונז זינגען אויף דער סעודה, אַי!
ווער וועט אונז זינגען אויף דער סעודה?
„שלמה המלך, שלמה המלך!
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען, א. ז. וו.

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
שלמה המלך וועט אונז אויך זינגען,
ווער־זשע וועט טאַנצען אויף דער סעודה, אַי!
ווער וועט טאַנצען אויף דער סעודה?
„מרים הנביאה, מרים הנביאה!
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
דוד המלך וועט זינגען, א. ז. וו.

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
ווער־זשע וועט אונז תורה זאָגען אויף דער סעודה, אַי!
ווער וועט אונז תורה זאָגען?
„משה רבינו, משה רבינו!
משה רבינו וועט תורה זאָגען,
מרים הנביאה וועט טאַנצען, א. ז. וו.

אַי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
ווער־זשע וועט אונז בענטשען אויף דער סעודה, אַי!
ווער וועט אונז בענטשען אויף דער סעודה?

„אהרן הכהן, אהרן הכהן!
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען, א. ז. וו.

אֵי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
אהרן הכהן וועט אונז אויך בענטשען,
וואו־זשע וועלען מיר זיצען אויף דער סעודה, אֵי!
וואו וועלען מיר זיצען אויף דער סעודה?
„בגן עדן גינתא, בגן עדן גינתא!
בגן עדן גינתא וועלען מיר זיצען,
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען, א. ז. וו.

אֵי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
ווער־זשע וועט דאָרט זיין אויף דער סעודה, אֵי!
ווער וועט זיין אויף דער סעודה?
„הקדוש ברוך הוא בכבודו, הקדוש ברוך הוא בכבודו!
גאָט אליין מיט זיין כבוד וועט דאָרט זיין,
אין גן עדן וועלען מיר זיצען,
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאגען,
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אֵי!"

(טשימעראַוויץ, פּאָד. גוב.)

X.

לידער פון פערשיעדענעם אינהאלט

1.

בין איך מיר אַ העזעלע, אַ העזעלע אויף דער וועלט,
שרעקעניש און פּיין בין איך אויסגעשטעלט;
שרעקעניש און פּיין, שרעקעניש און פּיין,
פון דער גאַנצער וועלט מוז איך אויסשטעהן, —
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין!

געהט זיך מיר דער ווינטערל,
דער ווינטערל מיט די גרויסע שנעע,
ווערט דאָך מיר ווינד און וועה;
ווינד און וועה איז דאָך מיר,
וואָס איך האָב ניט קיין קוואַטיר, —
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין!

טו איך מיר שטעהן, שטעהן אויפ'ן הויכען בארג,
יאגט דאָך מיר דער יעגער זעהר שטאַרק;
יאגט ער מיר געשווינד און שיקט אויף מיר די הינד, —
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין!

דא ווער איך שוין געפאנגען, געפאַנגען זעהר גיך,
ברענגט מען מיך צום פריץ אויפ'ן קיך:
שניידט מען מיר דעם בייכעלע איין,
טרינקט מען דערנאָך מעד און וויין, —
בין איך מיר אַן אָרעמינקער העזעלע אַליין!

(ווילנא)

1 Bin ich mir a hesele.

בין איך מיר א העזעלע



2.

(מיטגעטיילט פון י. גיביאנסקי)

א גאנצען טאָג מיט דריי פונט ברויט,
ביי דער נאכט אויף דער היילער פאדלאָג;
אין מיין לעבען וואָלט איך קיינמאָל ניט גלייבען,
אז איך וועל זיין אין אסטראָג.

די קינדער שטעהן אויף אין דער פריה,
פרעגען זיי: מאַמע, וואו איז דער טאַטע?
— אייער טאַטע איז אונטער'ן גראטע,
אָך, ווי גרויס איז מיין שאַנד!

(קוזניצע, גראָדנער גוב.)

3.

אָי, דו וואסער, וואָס פאר א מערדער דו ביזט,
יונג און אַלט נעהמסטו צו!
האָסט צוגענומען אזא שעהנעם בוים פון אכטצעהן יאהר,
וואָס האָט נאָך גאָר נישט אויף דער וועלט געלעבט.
יעצט איז ער מיט'ן וואסער א פּאָר,
און ערשט נישט לאָנג אויף דער יבשה ארומגעשוועבט.

(ווארשא)

2

A ganzen tog.

א גאנצען טאג



4.

יאשקע, יאשקע שפאן דעם לאשעק
לאמיר גיכער לויפען!
טאמער וועט ער זיך אפשטעלען,
וועלען מיר איהם ניט קויפען.

דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין,
טרינקען בראנפען און ניט קיין וויין!

(קאוונער גוב.)

5.

איך בעט דיך און בעט דיך,
לעבעדיגער גאט!
האב שוין רחמנות אויף אונזערע יאהר
און מאך שוין אן עק צו אונזער זארג.

אז דו וועסט אויף אונז רחמנות האבען,
וועלען מיר הייסען געבען ביער;
בעטען בעט איך דיך, רבונו של עולם,
אונזער גאנצע האפענונג איז נאר צו דיר.

אז דו וועסט אונז בשלום דעם ים אריבערפיהרען,
וועלען מיר הייסען געבען מעד.
בעטען, בעט איך דיר רבונו של עולם,
הער שוין צו אונזער געבעט!

(קישיניאוו)

4 Yoschke, Yoschke.

יאשקע, יאשקע



6.

העי חסידה, חסידה!
אַ טרונק בראָנפען איז נישטאָ!
פון אַ טרונק בראָנפען ווערט מען שיכור,
אָבער אַ קליין מיידעלע איז דער עיקר.

אַ קליין מיידעלע — קאַי און שפּאַי,
אַ היבש מיידעלע, פּאַדאַוואַי!
טעלער און לעפעל קען זי וואַשען,
פון די טעפּלעך קען זי נאַשען,
פון די רעידער מאַכט זי קליידער.
פונ׳ם גוי קריגט זי שטרוי
און מיט דער שטרוי מאַכט זי — פוי!

(מעזשבוזש, פּאָד. גוב.)

7.

אַ, אָ, אַ, חסיד בה,
אַ טרונק בראַנפען איז שוין דאָ.
אַ טרונק בראָנפען איז דער עיקר,
פון אַ טרונק בראַנפען ווערט מען שיכור.

פישעלעך אין וואַסער,
קרעפּעלעך אין פּוטער,
וועלכעס מיידעלע ס׳האָט מיך פיינט,
זאָל אַ רוח אין איהר מוטער!

(פוילען)

6 Hej chussidu, chussidu!

העי חסידה, חסידה!



8.

אחד מי יודע? אחד אני יודע:
איינם איז א יידענע,
ניט זי לעבט און ניט זי שוועבט
ניט אויפ'ן הימעל ניט אויף דר'ערד.

שנים מי יודע? שנים אני יודע:
צוויי עקען אין א שטעקען,
איינם איז א יידענע,
ניט זי לעבט א. ז. וו.

שלשה מי יודע? שלשה אני יודע:
דריי עקען אין א קרעפיל,
צוויי עקען אין א שטעקען,
איינם איז א יידענע א. ז. וו.

ארבע מי יודע? ארבע אני יודע:
פיער פיסלעך אין א בעט,
דריי עקען אין א קרעפיל,
צוויי עקען א. ז. וו.

חמשה מי יודע? חמשה אני יודע:
פינף פינגער אין א האפ,
פיער פיסלעך אין א בעט,
דריי עקען אין א קרעפיל,
צוויי עקען אין א שטעקען,
איינם איז א יידענע
ניט זי לעבט און ניט זי שוועבט
ניט אויפ'ן הימעל און ניט אויף דר'ערד.

(ווילנא)

8 Echod mi joidea?

אחד מי יודע?



9.

פאָחרט דער חסיד'ל צו דעם רבי'ן,
האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שלאַגס־רעגען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!

ווי דער שלאַגס־רעגען האָט איהם אנגענומען,
איז ער אין קרעטשמע אריינגעקומען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!

ווי ער האָט גענומען אַ גלעזעל בראנפּען טרינקען,
האָט ער גענומען צו דער מיידעל ווינקען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר געפעלען,
איך וועל דיר שענקען אַ שניר'ל קרעלען!"
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!

דעם שניר'ל קרעלען האָט זי צוגענומען
און איהם האָט זי געהייסען שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!
מאַכט דער חסיד'ל: בים, באָם!

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר גוט,
איך וועל דיר שענקען אַ שעהנעם חוט!"

9 Fohrt der chossid'l zu dem reb'n.

פאָהרט דער חסיד'ל צו דעם רבי'ן

Allegro.

Fohrt der chos - si - d'l zu dem re - b'n,



Hot ihm on - ge - chapt a schlags - re - gen,



Macht der chos - si - d'l: bim, bam!



Macht der chos - si - d'l: bim, bam!

מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

דעם שעהנעם הוט האט זי צוגענומען
און איהם האט זי געהייסען שפעטער קומען.
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר שעהן,
איך וועל דיר שענקען א גאלדענע קריין!“
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

די גאלדענע קריין האט זי צוגענומען
און איהם האט זי געהייסען שפעטער קומען.
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

„מיידעלע, מיידעלע, גיב אפ מיינע זאכען!“
„פון אזא חסיד מעג מען לאכען!“
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

איז ער אוועק אהן וועג און שטעג,
ווי א הונד אין די ניין טעג.
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!
מאכט דער חסיד׳ל: בים, באם!

(רדזיע, ווילנער גוב.)

10.

אברהמ׳לע, א חסיד׳ל, א לוסטיגע בריאה,
און אַחן א זכיה,
און פון אויבען דעם רימאַק, —
וועלען מיר טאַנצען האָפּ־טשיק־טשאַק!

חוילע לעבער איז מיין קאַפּאָטע,
און איינגעשמירט אין גאָלע בלאָטע,
און פון אויבען דעם רימאַק, —
וועלען מיר טאַנצען האָפּ־טשיק־טשאַק!

שרה׳לע, מיין ווייב, א בראָך אויף דיר,
א צרה אויף דיר!
איך האָב א פיערער נישט ביי מיר.
און פון אויבען א. ז. וו.

איידער איך פערדיען מיר א שטיקעל ברויט,
קומט עס מיר אן גלייך מיט׳ן טויט;
און פון אויבען דעם רימאַק, —
וועלען מיר טאַנצען האָפּ־טשיק־טשאַק!

עלינקע, מיין זוהן, נעהם די האַק,
און געה פאַרדינען א פיטאַק!
און פון אויבען דעם רימאַק, —
וועלען מיר טאַנצען האָפּ־טשיק־טשאַק!

(אַרעס)

11.

דירה־געלט און אַי־אַי־אַי!
דירה־געלט און באַזשע מאַי!
דירה־געלט און גראַדאוואַי,
דירה־געלט מוז מען צאָהלען.

קומט אריין דער סטרוזש,
נעהמט ער אראָפּ דאָס היטעל;
און אז מע צאָהלט קיין דירה־געלט
הענגט ער ארוים אַ קוויטעל.
דירה־געלט א. ז. וו.

קומט אריין דער זשאַנצע
מיט דעם גראָבען שטעקען;
און אז מע גיט איהם קיין דירה־געלט,
שטעלט ער ארוים די בעטען.
דירה־געלט, א. ז. וו.

— פאר וואָס זאָל איך אייך געבען דירה־געלט
אז די קעך איז צובראָכען?
פאר וואָס זאָל איך אייך געבען דירה־געלט,
אז איך האָב נישט אויף וואָס צו קאָכען?

דירה־געלט און אַי־אַי־אַי!
דירה־געלט און באַזשע מאַי!
דירה־געלט און גראַדאוואַי,
דירה־געלט מוז מען צאָהלען!

(ווארשא)

11 Dire gelt ün oj, oj, oj!

דירה־געלט און אָי־אָי־אָי!



12.

מען איז צו מיר אריינגעקומען,
מען האָט מיין לעבען צוגענומען, —
אַי, געוואלד! אַ גנב
האָט דאָך מיך בע׳גנב׳ט!

זיעבען פּאָאר לייכטער ווי די בערען,
דריי אהן פּיסלעך, פיער אהן רעהרען, —
אַי, געוואלד! אַ גנב
האָט דאָך מיך בע׳גנב׳ט!

זיעבען פּאָאר זאָקען ווי די מיעצען,
דריי אהן פּיענטעס, פיער אהן שפּיצען, —
אַי, געוואלד! אַ גנב
האָט דאָך מיך בע׳גנב׳ט!

וואו איז די באבע מיט דעם שלייער?
וואו איז דאָס קוישעלע מיט די אייער?
אַי, געוואלד! אַ גנב
האָט דאָך מיך בע׳גנב׳ט!

(ווארשא)

12 Men is zü mir araingekümen.

מען איז צו מיר אריינגעקומען

Moderato.



13.

װאָלט איך געװען אַ רב,
קען איך ניט קײן תורה;
װאָלט איך געװען אַ סוחר,
האָב איך ניט קײן סחורה.

װאָלט איך געװען אַ שוחט,
האָב איך ניט קײן חלף;
װאָלט איך געװען אַ מלמד,
קען איך ניט קײן אלף.

װאָלט איך געװען אַ שוסטער,
האָב איך ניט קײן קאָפּיטע;
װאָלט איך געװען אַ בעקער,
האָב איך ניט קײן לאָפּעטע.

װאָלט איך געװען אַ בעל עגלה,
האָב איך ניט קײן פערד;
בין איך אַ ייִד,
ליעג איך אין דר׳ערד.

(טשימעראװיץ, פאָד. גוב.)

13 Wolt ich gewen a ruv.

וואָלט איך געווען א רב



14.

אַף ברי,
ס'איז ניטאָ וואָס צו געבען עסען די קיה.
דער זומער געהט אַוועק,
און דער ווינטער קומט צוריק,
און קיין געלט איז ניטאָ!

די שטיוועל זיינען צוריסען,
אָי־אָי־אָי!
די קוטשמע איז צושמיסען, אי־אי!
אָי, און קיין געלט איז אַלץ ניטאָ!

און דער דאַך איז צוקראַכען,
אָי־אָי־אָי!
די ווענט זיינען צובראָכען, אָי־אָי!
און קיין געלט איז אַלץ ניטאָ!

די שטוב פאַלט איין,
אָי־אָי־אָי!
דעם מלמד קומט נאָך פאַר יענעם זמן, אי־אי!
און קיין געלט איז אַלץ ניטאָ!

אין דרויסען ווערט שטאַרק קאַלט,
אָי־אָי־אָי!
די קאַמער פון האַלץ איז ריין ווי גאָלד, אי־אי!
און קיין געלט איז אַלץ ניטאָ!

14 Af bri.

אף ברי



אין דרויסען ווערט גרויסע בלאטעם,
אָי־אָי־אָי!
די שטיוועל זיינען גאלע לאַטעם,
און קיין געלד איז אַלץ ניטאָ!

דאָס מיידעל וויל א קליידעל,
אָי־אָי־אָי!
דאָס ייננעל געהט מיט'ן נאקעטען...
און קיין געלד איז אַלץ ניטאָ!

(פאדאלער גוב.)

15.

הער נאָר, מיין ווייב, אז ס'וועט קומען א בעל חוב,
זאָלסטו איהם זאָגען:
אין לי — איך האָב נישט!
האָב איך דען, און וויל נישט?
איך האָב נישט, איך קען נישט!

טרייב ארוים די יונגען,
און קויף לעבער מיט לונגען, —
נאָר קיין געלט איז אַלץ נישטאָ!

(ווארשא)

16.

בין איך מיר אַ בחור'ל מיט שפּאָרען געשמידט,
פון קיין פּרנסה האָב איך קיין דאגה נישט געהאַט;
געלט צו פערדיענען האָב איך נישט געוואוסט, —
האָט מען מיר מיט אַ ווייבעלע באַגליקט.

— שלאָג דיר אפילו קאָפּ אָן וואַנד,
אין פעלד אריין — די בהמות טרייב!
געלט צו פאַרדינען איז דיר אַ שאַנד, —
נאָך וואָס האָט דיר געטויגט אַ ווייב?

האָסט דיך אונטערגענומען אַ מאַן צו זיין,
שטעק דעם קאָפּ אין דר'ערד אַריין!
און ברענג פּרנסה אין שטוב אַריין!
— — — — — — — — — — — — —

דאָס ערשטע שרייט שוין — טאַטעשי
דאָס צווייטע שרייט שוין — מאַמעשי
דאָס דריטע שרייט שוין — פּאַפּעשי
דאָס פערטע — אַ שטיקעל ברויט!

זאָגט די מאַמע: אַי־לו־לו!
ס'איז נישטאָ קיין פּאַפּעלו, —
שלאָף זשע מיר, אַי־לו־לו!

(וואַרשאַ)

17.

א שעהן יידעל בין איך געווען,
די שכינה האָט אויף מיר גערוהט,
אצינד בין איך א משומד נישט קיין ייד,
אַך, וועלט, אַך, וועלט, בעדויערט'ס מיין בעשטאנד!
דאָס געלט האָט מיך אָנגערעדט צו אזעלכע שאנד.
מען טהוט נישט מעהר, אָי וועה איז מיר,
מען שפעט און מען לאַכט פון מיר!

קום איך אריין צו מיין אייגענע טאַטע־מאַמע,
זיי וואָלטען מיך גערן געשטאָכען מיט א מעסער:
— געה אַוועק פון מיר, דו קעלבאַס־פרעסער!
אַך, וועלט, אַך, וועלט, א. ז. וו.

קום איך אריין צו מיין אייגענע שוועסטער און ברידער:
— זעה נאַר, זעה, ווער עס איז דאַ ווידער!
פריהער האָט ער געהייסען אהרן, היינט הייסט ער אַנטאָש
אז ער וועט פגר'ן, וועט מען איהם בעגראבען אויפ'ן צמענטאַזש*)
אַך, וועלט, אַך, וועלט, א. ז. וו.

קום איך אריין צום גרויסען גביר,
טייט ער אויף מיר מיט די פינגער:

*) צמענטאַזש (פויליש) קריסטליכער בית עולם.

— משומד, דו וועסט פגר׳ן פאר הונגער,
עס וועט אויף דיר זיין אַ נויט,
דו וועסט פגר׳ן פאר אַ שטיקעל ברויט!
אָך, וועלט, אָך, וועלט, א. ז. וו.

קום איך אריין צום פויער אויפ׳ן דאָרף,
זאָגט ער: טאָ מושי בימש זשיד,
ניע דאַמש מו ניץ!
ניעך פודזשע נאַ סוואַיאַן וויארע,
ניעך פודזשע נאַ סוואַיאַן אַפיארע!
אָך, וועלט, אָך, וועלט, בעדויערט׳ס מיין בעשטאַנד,
דאָס געלד האָט מיך אַנגערעדט צו אזעלכע שאַנד!
מען טוט נישט מעהר, אַי וועה איז מיר,
מען שפעט און מען לאַכט פון מיר!

(וואַרשא)

18.

אז מע ברענט — ברענט מען בראַנפען,
אז מע באַקט — באַקט מען ברויט,
און אז מע שטאַרבט —
ליעגט מען טויט.

וואַקסענע ליכטלעך
אין דער זייט,
און שטאַרבען מוז מען
צו דער צייט.

גאָלד און זילבער
לאָזט מען שטעהן,
אַז מען רופט צום משפט —
מוז מען געהן!

(ווארשא)

19.

אויפ'ן בארג, איבער'ן בארג
פליהען טויבען פּאָרען;
איך האָב נאָך גאָר קיין נחת ניט געהאַט,
ס'איז אַוועק מיינע יונגע יאהרען.

שפּאַנט זשע מיר ברידער,
די שווארצע קארע פערד,
און לאָמיר לויפען, פאָהרען;
אפשר וועלען מיר נאָך קענען אומקעהרען
אונזערע יונגע יאָהרען?

— קעהרט זיך אום, יונגע יאהרען,
מיר וועלען אייך צונעהמען!
— מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען,
מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען,
ס'איז ניטאָ צו וועמען!

— קעהרט זיך אום, יונגע יאָהרען,
טהוט אונז ניט פארשעהמען!

(אוטיאן, קאָוונער גוב.)

19 Oif'n barg, über'n barg.

אויפ'ן בארג, איבער'ן בארג



אלפאבעטישער אינהאלטס־פערצייכנים:

א

אַ, אַ, אַ, חסיד בח..........................	II	55
אברהם׳עלע אַ חסיד׳ל.........................	II	262
אַ גאַנצען טאג מיט דריי פונד ברויט............	II	251
אַ גוטען פורים, אַ גוטען פורים מיינע ליעבע גבירים..	II	219
אַ גוטען פורים, אַ גוטען פורים מיינע ליעבע לייט..	II	222
אַ גוטען פורים, א גוטען פורים מיינע ליעבע לייט..	II	223
אַ גוטען פורים אויף אַלע פיער זייטען..........	II	224
אַ גוטען פורים מלאך.........................	II	227
אַ געשיכטע וועל איך אייך פערצעהלען..........	I	212
אדוני קעניג, כ׳וועל דיר עפּעס בעטען..........	II	228
אדם, פאדעם, פינגערהוט......................	II	151
אַ חוהן און א חאַהן	II	118
אוויר, זשאַוויר..............................	II	128
אויף דער גיטאַרע טו איך שפּיעלען.............	I	55
אויף דיין קבר, ליעבע מוטער..................	II	95
אויף דעם מויער שטעהט אַ פויער..............	II	221
אויף דעם וואַסער שווימט אַ מעסער.............	II	143
אויפ׳ן ים׳עלע וועל איך פאַהרען..............	I	124
אויפ׳ן באַרג, איבערן באַרג..................	II	275
אויפ׳ן קוימען ליעגט אַ גראַצער..............	II	141
און אַז דו פאַהרסט אַוועק....................	I	92
אונזער גאָט זיצט אין הימעל..................	II	139
אונטערן קינדס וויעגעלע......................	II	97

אַז איך בין אַלט געווען דריי יאהר...........	II	178
אַז איך בין אַלט געווען מיינע ניין יאהר........	II	195
אַז מע ברענט, ברענט מען בראָנפן............	II	274
אַזוי ווי עס קומט דער הייליגער פּורים.........	II	229
אַ זונן און אַ רעגן....................	II	114
אחד מי יודע.......................	II	257
אַט אַ דאָ ליעגט ער ניט ווייט.............	I	179
אַט אַזוי און אַט אַזוי נאַרט מען אָפּ אַ חתן........	II	33
אַט דאָרט, אַט דאָרט אויף יענעם אָרט..........	I	76
אַי אַווראם, איך קען אָהן דיר ניט זיין..........	I	32
אַי, אונזערע פּוילען....................	II	129
אַי־אַי, אַי־אַי, ס'איז ביטער ווי דער טויט........	II	83
אַי בעונותינו הרבים....................	II	37
אַי דו שגץ........................	II	136
אַי דו וואַסער, וואָס פאַר אַ מערדער דו ביזט......	II	251
אַי די כת'עלער געהען מיר אוים............	I	84
אַי היינט איז דער טאָג................	II	52
אַי ווער, ברוינע.....................	I	170
אַי וואָס כ'האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפיהרט....	I	6
אַי ווער, מאַמעשי, כ'וועל דיר עפּעס זאָגען........	I	4
אַי ווער, מאַמע, איך שפּיעל אַ ליעבע...........	I	168
אַי ווער, מאַמע, די קעפּעלע טוט מיר ווער........	I	180
אַי, וועה מיר, ס'נעהמט אַן־עק..............	I	104
אַי ווער, איז מיר געשעהן................	II	141
איז געקומען דער פעטער נתן..............	II	49
איידער איך לעג מיך שלאָפען..............	II	207
איינס, צוויי, דריי....................	II	125
איינס, צוויי, אַ, עלעף אַ................	II	128
איינס — אַ ניסעל....................	II	127
איך אויף אַ שיפעלע, דו אויף אַ לאָדקע.........	II	201

איך בין דער אַלטער מאַן יעקב............	II	147
איך בעט דיך און בעט דיך...............	II	253
איך געה מיר אַרויס אין גאַס...............	II	174
איך האָב געשפּיעלט אַ ליעבע..............	I	148
איך האָב געאַקערט און געזייעט..............	I	164
איך האָב געמיינט ער וועט מיך אייביג ליעבען....	I	159
איך האָב געליעבט א יינגעלע איז ער געווען פון וויען	I	230
איך האָב מיך פאַרליעבט אין אַ שעהן יינגעלע......	I	114
איך האָב מיר אין איינעם געטון פאַרליעבען......	I	43
איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען..	I	144
איך האָב אַמאָל אַ שם געהאַט...............	I	194
איך וועל געהן קאַנאַלען גראַבען............	I	70
איך מיט מיין ליובע....................	I	20
(איך) יאָך מיט מיין חתן..................	I	20
איך שטעה מיר און קלעהר................	I	188
איך וואָלט גערן עס זאָל זיין פאַר נאַכט.........	II	27
איך נעהם מיר די פיעדעל אין דער האַנד........	I	152
אַי־ליו־ליו, מיין איינציג קינד..............	II	102
אַי־ליו־ליו, שאַ־שאַ־שאַ....................	II	98
אין מזרח זייט הויבט שוין אָן צו טאָגען........	I	172
אין בריסק, אין אַ גאַנץ פיינע הויז...........	I	221
אין שפּיטעלכעל בין איך מיר געלעגען.........	I	175
אין פּריסוטסטווע ברענט אַ פייער............	I	96
אין דרויסען איז אַ טריעבער טאג............	I	110
אין זאקסישען גארטען....................	II	24
אין דער היים איז נישטאָ קיין גריץ...........	II	142
אין אַ שטאָדט איז אַ מעשה פאַרלאָפען..........	II	66
אָי מיין הארץ וויינט אין מיר...............	I	126
אָי ס׳איז ניש׳ גוט, ס׳איז נישטאָ קיין פרייע מינוט	I	108
אַי פלאַגט אייך, פלאַגערלעך..............	II	196

אָי קאָרן, אָי קאָרן........................	II	89
אָי רבינוּ, טיראָם, טיראָם־טאָם...........	II	244
איצקע פּיצקע........................	II	127
איצקע פּיצקע נאָדעל טעסעל............	II	134
אַך דער אנפאַנג פון אונזער ליעבע.........	I	30
אַך איהר מענטשען איהר טוט............	I	143
אַך מיין גליק, מיין טייער לעבען..........	I	102
אַך ווי אַ פלאַם העליש פייער............	I	44
אַך שעהנעס מעדכען....................	I	43
אַך מענטשען איהר מענטשען.............	I	169
אַך מענטשען איהר מענטשען איך טו אייך........	I	214
אַך פאַטער, וואָס האָסטו געוואָלט..........	II	75
אַ ליעבע, אַ ליעבע איז גוט צו פיהרען.........	I	28
אַ ליעבע פאַנגט זיך אָן פון א שמייכעל.........	I	36
אַ ליעבע האָב איך געפיהרט...............	I	155
א ליעבע איז אן אונגליק אויף דער וועלט	I	162
אלת תולדות נח........................	II	153
אל מלך קאַטשקע דרייהלער...............	II	126
אַלע פייגעלעך טוען שאלען...............	II	147
אלף, אברהם׳עלע	II	147
אלף אָן אַדלער........................	II	148
אלף דער ערשטער......................	II	233
אַלע מענטשען טאַנצענדיג..................	II	31
אַ מאָל איז געווען אַ חתונה...............	II	51
אַ מאָל איז געווען אַ מעשה אזוי...........	II	67
אַ מאָל איז געווען אַ מעשה...............	II	118
אַ מאָל איז געווען אַ באַבאַטשקע..........	II	118
אַ מאָל איז געווען אַ מעשה, אַ ציגעלע.........	II	133
אַ מאָטיוו, מענטשען, וועל איך אייך זינגען......	I	226
אַנגעשפּאַרט אויפ׳ן עלענבויגען...............	II	71

אַ פאַלשע האָפענונג האָב איך געהאַט...........	I	198
אַף ברי	II	269
אַ ראד און א ריינע..................	II	122
ארש, מארש, פּראָוואָלי................	II	122
אַ שוואַרצער וואלקען האט דעם הימעל.........	I	228
אַ שניידער'לס אַ ווייב איז קראַנק געווארן........	II	91
אַ שעהן יודעל בין איך געוועו............	II	273
א שם האָב איך געהאַט.................	I	194

ב

באַראַבאַן, באַראַבאַן	II	121
ביי דעם טייך דעם ברייטען.............	I	208
ביי מיין מאַמעס הייזעלע............	I	150
ביי נאַכט ליעג איך אויף מיין געלעגער.........	I	200
בין איך מיר געגאַנגען פישעלאַך קויפען.........	I	138
בין איך מיר אַ כלה.................	II	55
בין איך געפאָהרען קיין אַדעס............	II	189
בין איך מיר אַ שניידער'ל...............	II	211
בין איך מיר אַ העזעלע................	II	249
בין איך מיר אַ בחור'ל...............	II	272
בלינדער טשאַרט	II	138
בעל־הבית'טע לעבען................	II	225
בעלפער, זלאפאץ	II	138

ג

גאַנצע טעג זיץ איך אַליין................	I	10
גאָט, גאָט, גיעב אַ רעגען...............	II	116
גאָלדענע שויבען	II	125
גדזשע טען כלאָפּיעץ צאָ מניע כטשאַל..........	I	16
געבוירען בין איך אין אַל'דאָס גוטס...........	I	218

געדענקסטו, געדענקסטו פאַר דעם טויער.......... I 32

געה איך אַריין אין שטוב................. I 90

געה איך מיר צו צום שטעהלכעל............ II 77

געהט די מיידעל טאַנצען.................. I 24

געשמיסענער ת......................... II 133

ד

דאָרט שטעהט אַ שטיבעלע גאָר באַזונדער.......... II 74

דאָרט און דאָרט......................... II 289

דאָרטען אויף דעם בערגעלע................. I 100

דו מיידעלע — דו פיינס.................. II 165

דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט................ I 63

דו זאָלסט ניט געהן מיט קיין אַנדערע מיידעלעך.... I 26

דו צוברעכסט מיר מיין האַרץ................ I 224

די קינדער שרייען פאָפע.................. II 116

די מאַמע איז געגאַנגען.................... II 119

דירה־געלט און אָי־אָי־אָי!.................. II 263

די יאחרען ציהען, די יאחרען פליהען.......... I 88

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען................ I 186

די לבנה שיינט אויפ'ן פרייען פעלד............ I 120

די פייערדיגע ליעבע...................... I 122

דיינע אויגען זענען שעהן.................... I 66

דעם ערשטען טאג נאך מיין באַגריעף............ I 129

ה

האָב איך אַ חתן אַ קאַנטאָרזשיסט............... II 23

האָב איך אַ כלה איז זי שעהן................ II 23

האָב איך מיר א אינגעליע................... II 98

האָב יאָך אַ חתן אַ וואוילען.................. II 21

האָסטו מיך אמת ליעב...................... I 61

הויב איך מיך אויף........................	II	205
הונגעריג און שלעפעריג....................	II	184
היי, האבער און קאָרן.....................	II	35
היינטיגע מיידעלעך די פאנפעראנקעס..........	II	41
היינט איז פורים.........................	II	224
הייסע טהע, קאַלטע טהע....................	II	83
הינטערן בריק, נעבען בריק..................	I	16
המבדיל בן קודש..........................	I	34
העי, העי, העמערעל........................	II	115
העי, העי, העמערעל........................	II	134
העי, העי, שאַלאַטען.......................	II	137
העי חסידת, חסידת.........................	II	255
הער נאַר, דו שעהן מיידעלע.................	II	29
הער נאַר, דו חתן.........................	II	29
הער נאַר צו, דו אַלטער מאַן...............	II	119
הער נאַר, דו שעהן מיידעלע.................	II	167
הער נאַר, מיין ווייב......................	II	271
הער נאַר, דו שעהן מיידעלע.................	I	52
הער נאַר אויס, מאַמעניו...................	I	166
הערט נאַר אויס, מענטשען..................	I	224
הערטס אויס, מיינע גוטע ברידער אַלע.........	I	238
הערטס נאַר אויס, גוטע ברידער אַלע..........	I	239

ו

וואו איז דאָס געסעלע, וואו איז דאס שטוב........	I	26
וואו נעהמט מען אַזוינע פאַרשוינען...........	I	88
וואו ביזטו געוועזען, מיין משה לעבען.........	I	187
וואָס־זשע ווילסטו, וואָס־זשע ווילסטו........	II	13
וואָלט איך געווען אַ רב....................	II	267
וואָרום ביזטו פאַרטגעלאָפען................	II	125

וואָס ביזטו, מיין זוהן, אַזוי פאַרזאָרגט..........	II	193
ווי אַזוי קען מען לוסטיג זיין..............	I	8
ווי אַ שעהנע בלום האָב איך געטון בליהען........	I	56
ווי אַ שעהנע רויז האָב איך געבליהט...........	I	136
ווי אומגליקליך בין איך געבוירען..........	II	177
ווי עד בין נאָר צו דער רעוויזיע געקומען........	II	199
ווייזן ניש', ווייזן ניש' כלה.............	II	201
וויפיעל טרערען איז פון מיינע אויגען אַפּגערונען..	I	106
ווער עס וויל אַ טרויריגע געשיכטע הערען........	I	232
ווער ס'וועט מיר קומען זאָגען..............	II	19
וועלכעס איז דאָס שעהנסטע אין דער וועלט......	II	171
וועלכעס מיידעלע ס'וויל ביי טאַטע-מאַמע חשוב זיין..	I	118
ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביי נאַכט..........	I	68
ויתן לך..........................	II	151

ז

זומער אין די היצען..................	I	130
זונטאג בולבע.....................	II	142
זייט מיר געזינט, חבר'טאָרינס אַלע...........	II	48
זיץ איך מיר אין שטיבעלע...............	I	64
זיץ איך מיר ביי דער אַרבעט...............	II	70
זעה נאָר, גאָטעניו...................	I	182
זעצט אייך נאָר אַנידער נעבען מיר............	I	202
זשידאָוועטשקא האָדז נאַ בעז...............	II	117

ח

חאצקעלע, חאצקעלע, שפּיעל מיר אַ קאַזאַצקעלע......	II	43
חנה איז געזעסען און געשטריקט............	II	85

ט

טאַכטערשי, וואָס ביזטו פאַרסמוטשעט...........	I	206
טאַכטער לעבען, קרוינע לעבען............	II	18
טאַכטער, דו ליעב, טאַכטער דו מיין..........	II	63
טאַנץ, רחל'ע, טאַנץ.....................	II	12
טיעף אין וועלדעלע שטעהט א ביימעלע........	I	22
טרעטי, טרעטי, טרעטי.....................	II	123

י

יאך מיט מיין חתן.......................	I	20
יאַמע, יאַמע, שפיעל נאָר א ליעדעלע...........	II	9
יאַנקעלע מיט רבקה'לען...................	I	50
יאַנקעלע לערנער זיצט אין שוחל............	II	111
יאנקעלע מיינער..........................	II	136
יאנקעל פאַיאַץ..........................	II	126
יאקעל מיט'ן פיעדעל.....................	II	137
יאַשקע, יאַשקע שפּאַן דעם לאַשיק............	II	253
יעמוד רב יהודה..........................	II	149
ישמח משה, ישמח משה....................	II	243

כ

כ'האָב א ירושה פון מיין טאַטען..............	II	32
כ'האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט..............	II	81
כ'האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט..............	II	81
כ'האָב דיך, מיין קינד שלאָפען געלעגט.........	II	99
כלה, כלה, מזל טוב......................	II	38

ל

לא אמות כי אחיה.........................	II	235
לאָמיר אוועקלעגען אלע זאַכען..............	II	197

לויפט דאָס וואַסערעל פון דעם וועלדעל.......... I 24
ליאַלקעלע מיינס.................. II 97
ליטוואַק, חזיר, צו־צו־צו............. II 135
ליג אויף מיין קעפּעלע.................. II 59

מ

מאַמעשי, מאַך מיר חתונה!................ II 15
מאַמעשי, מאַך מיר חתונה.................. II 17
מאַמעניו אַ חתן, גיך און געשווינד............ II 18
מאַכט׳ס אויף, מאַכט׳ס אויף................ II 215
מאַשע, מאַשע ברוגז.................. II 128
מ׳האָט מיר נעכטען אויסגעמאַקעלט........... II 139
מיט אַ קורצער צייט צוריק................ I 47
מיינע שבתים און מיינע יום טובים............ I 48
מיין האַרץ, מיין האַרץ וויינט אין מיר.......... I 82
מע זאָגט, אַז אַ ליעבע איז אַ קרענק........... I 146
מערען, ציבעלעס ווערען טייער................ II 24
מען איז צו מיר אריינגעקומען................ II 265
מצה זו, פּרעה׳ס קוה.................. II 126
משה מורשה אויף יענער וועלט................ II 149
משה, משה, קום שוין אהער................ II 47

נ

נישט קיין שוואַרצע, נישט קיין גרינע.......... II 61
ניש׳ געשלאָפען, ניש׳ געוואַכט................ II 116

ס

ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ שניידער־יונג............ I 60
ס׳איז פאַרהאַנען בריליאַנטען.................. I 74
ס׳איז געווען א אינגעל פון אַכצן יאָהר...... I 132

סאיז פריוטיג, ס׳איז פריוטיג .... II 138
ס׳איז דיר קאַלט .... II 141
ס׳האָט ברייגדעלעך אַן אומגליק געטראָפּען .... I 204
סטודענט ! סטודענט ! .... II 133
ס׳שטאַיט זער אַ שאַין מאַידעלע .... I 192

ע

עבדים היינו .... II 135
ער קען שוין נישט מעהר .... I 156
עלע, מעלע, יאָסקע .... II 117
עס איז שוין שטיל אויף דעם בית עולם .... I 184
עס דערקוויקט מיך דער קלימאַט .... I 180
עס האָט זיך מיך פאַרגלוסט .... II 210
עס יאָגט אַ ווינד, עס גיסט אַ רעגען .... I 236
עפען מיר די טירעלע .... I 15

פ

פאחרען מחותנים איבער אַלע גאַסען .... II 7
פאָהרט דער חסיד׳ל צו דעם רבי׳ן .... II 259
פאָטער מיינער, געטרייער .... I 58
פאָניע דיענען איז זעהר ביטער .... II 179
פון וואַנען פאַנגט זיך אָן אַ ליעבע .... I 38
פון דער גאַנצער וועלט בין איך פערלאָזען .... I 174
פון קליין ביזקעל גרוים .... II 39
פיהרט מען מיך אַריין .... II 181
פיהרט מען מיך אַריין .... II 187
פייגעלע איז געוועזען אַ וואוילע מייד 1 222
פעסעלע ביער .... II 117

פרייטאג אין דער פריה	II	185
פרייטאג פארנאכט	II	191

פ

פאטש־זע, פאטש־זע קיכעלעך.............	II	118
פאפיער איז דאך ווייס און טינט איז דאך שווארץ..	I	78

צ

צו דעם ים יאגט א קוואל..................	I	160
צו דער חופה געהענדיג.....................	II	33
צווישען בערגעלע און דעם וועלדעלע..........	I	72
צווישען טאהל און בארג....................	II	183
צוויי ברידער, צוויי ברידער	II	157
צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואסער געפלויגען..	I	94
צוועלף א זייגער ביי דער נאכט.............	I	234
ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע..................	II	113
ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע..................	II	113
ציגעלע, מיגעלע, קעצען אויגעלעך...........	II	113
צי געדענקסטו מיין טייער זיס־לעבען..........	I	176
צי האסטו גישט דיין עסען...................	I	117
צי האט איהר געהערט......................	I	217

ק

קאן וואסער, ווייך וואסער..................	II	115
קאצקעס סווימען, קאצקעס סווימען	I	134
קומט דער ליעבער זומער....................	II	25
קומט ארייין די כלה........................	II	109
קום נאר אהער, מיין לעבען..................	I	98
קום נאר אהער, מיין טייער, זיס לעבען.........	I	140
קלינג, קלאנג, טעלעגראם	II	122

ר

ראשע איז געוואָרן אַ כלה	II	37
רב אבא, רב אבא׳לע	II	45
רבי כ׳איז געשטאַ קיין בייגעל	II	151
ריגעלע, שפּיגעלע, ביי דער וואַנד	II	114

ש

שאַיע, מאַיע, עפּעלע	II	135
שוואַרץ ביזטו, שוואַרץ	I	68
שיינע מיידעלע, פיינע מיידעלע	II	114
שיקט דער האַר אַ פייערל אין וואַלד אַריין	II	155
שלאָגט דער זייגערל איינס	II	93
שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר	II	103
שעהן ביזטו, אוצר־לעבען	I	12
שעהן מיידעלע, רוזשע־לעבען	I	14
שעהן ביזטו, רחל־לעבען	I	40
שעהן ביזטו געוועזן	I	86
שעהן ביזטו, לובטשו, לובטשו	I	134
שעהן ביזטו	II	137
שעהנע, ליעבע כלה	II	53
שפּיעלט־זשע מיר דעם נייעם שעהר	I	18
שפּיץ בוידעם צו דער ערד	II	109
שפּיץ בוידעם אויף דער ערד	II	110
שרה׳לע איז אַ שעהנער נאָמען	II	12

צו די פאָלגענדע ליעדער געפינען זיך וואַריאַנטען אין דער זאַמלונג פון גינזבורג און מאַרעק: „יודישע פאָלקסליעדער אין רוסלאַנד, ס״פעטערבורג, 1901“.

היינט איז פורים .... ביי גינזבורג און מאַרעק נומער 34
א גוטען פורים, אַ גוטען פורים 36
אונטערן קינדס וויעגעלע 60
האב איך מיין קינד שלאפען געלעגט 65
אי־ליו־ליו, מיין איינציג קינד 79
איינס — אַ ניסעל 88
ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע 99
העי, העי העמעריל 115
גאָט, גאָט גיב א רעגען 120
אלה תולדות נח 122
אחד מי יודע 125
שיקט דער האַר אַ פייערל 126
מען איז צו מיר אריינגעקומען 132
הינטערן בריק, נעבען בריק 134
עפען מיר די טירעלע 136
שעהן ביזטו, לובטשו 141
צו דעם ים יאגט א קוואַל 143
איך האב מיך פערליעבט אין אַ שעהן יינגעלע 144
איך געה מיר אַרויס אין גאַס 147
זעה נאַר, גאַטעניו 149
קומט דער ליעבער זומער 170
מיינע שבתים און מיינע ימים־טובים 173
שוואַרץ ביזטו, שוואַרץ 174
פון וואַנען פאַנגט זיך אָן אַ ליעבע 177
הער נאַר אויס, מאַמעניו 183

איך האב געאקערט און געזייעט 184
קום נאר אהער מיין טייער זיס לעבען 191
גיי איך אריין אין שטוב 192
אך ווי א פלאם העליש פייער 194
די לבנת שיינט אויפ'ן פרייען פעלד 196
אז די כח'עלעך געהען מיר אויס 199
אך מיין גליק, מיין טייער לעבען 201
אז ס'איז ניש' גוט 202
הער נאר, דו שעהן מיידעלע 206
גדזע טען*חלאפיעץ 208
איך האב געליעבט 211
טאכטער וואס ביזטו פארסמוטשעט 214
אז די כח'עלעך געהען מיר אויס 219
צוועלף אזייגער ביי דער נאכט 227
ביי דעם טייך דעם ברייטען 235
וואס-זשע ווילסטו, וואס-זשע ווילסטו 244
ר' אבא ר' אבא'לע 254
שפיץ בוידעם צו דער ערד 255
טאכטער דו ליעב, טאכטער דו מיין 269
אמאל איז געווען א מעשה אזוי 271
בין איך מיר א כלה 275
א שניידערל'ס א ווייב איז קראנק געווארען 281
איך האב געשפיעלט א ליעבע 286
געה איך מיר צו צום שטעלעכעל 288
וואלט איך געווען א רב 324
פיהרט מען מיך אריין 335
פרייטאג פאר נאכט 341
חנה איז געזעסען און געשטריקט 354
הער נאר, דו שעהן מיידעלע 357
אף ברי 363